**ר' יואל אשר:** וואס געשעט, וכו'. איך האב געזאגט אז חנוכה און פורים האבן די עצם מצוה, אזוי ווי יעדע יום טוב איז דא א שמחת יום טוב מיט סעודות, און נאכדעם איז דא, יעדע פסח, סוכות האבן מצוות מיוחדות, בלאזן שופר, שאקלען לולב. אויך חנוכה און פורים האבן זיי, אסורים בהספד ובתענית, דאס איז א פרייליכע טאג, און נאכדעם איז דא מצוות מיוחדות וואס איז צו אנצייכענען די געוויסע נס, אדער די נר חנוכה אדער די קריאת המגילה.

**ר' יצחק:** יא, אקעי.

**ר' יואל אשר:** ניתן לומר? שוין.

**ר' יצחק:** אקעי. יא, מ'קען זאגן. איך האב נאר געזען אז ער זאגט אז ער האט עפעס א פראבלעם, איך ווייס נאר נישט וואס ס'איז. איך ווייס נאר נישט וואס ס'מיינט.

**ר' יואל אשר:** מ'וועט סטאפן די רעקארדינג.

**ר' יצחק:** איך מיין אז מ'קען גיין. אקעי. איז... יא? יא. גיימיר לערנען וועגן די פרטים פון די הלכה. יא. זאגט דער רמב"ם.

**הלכה א — כמה נרות הוא מדליק בחנוכה**

**עיקר המצוה — נר אחד לכל בית**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם אזוי. **כמה נרות הוא מדליק בחנוכה.** ער האט שוין פריער געזאגט אז ס'איז דא א מצוה אין נר חנוכה, ער האט נישט געזאגט וועלכע ברכה מען מאכט. ער האט נישט געזאגט וועגן נר חנוכה. יעצט זאגט ער די דיטיילס דערפון. **כמה נרות הוא מדליק בחנוכה.** דער רמב"ם זאגט, **מצותה,** די עיקר מצוה, **שיהיה כל בית ובית מדליק נר אחד.** די מינימום, די מינימום מצוה איז א נר, א נר חנוכה. **בין שהיו אנשי הבית מרובין בין שלא היה בו אלא אדם אחד.** ס'זאל זיין איין לעכט איז די בעיסיק.

**מהדרין — נר לכל אחד ואחד**

**והמהדר את המצוה,** איינער וואס וויל מאכן שענער די מצוה, **מדליק נרות כמנין אנשי הבית נר לכל אחד ואחד בין אנשים בין נשים.** ער צינדט אן לעכט לויט וויפיל מענטשן ס'איז דא אין שטוב. ער צינדט אן פאר יעדן מענטש א לעכט. ס'טייטש כאילו אז יעדער מענטש צינדט אן א לעכט. ער צינדט אן בשליחות פון יעדן מענטש א לעכט.

**דיסקוסיע: פארוואס איז דער הידור לויט אנשי הבית?**

**ר' יצחק:** ס'זעט אויס, דאס איז כידוע דא אסאך וועגן פון פארשטיין די מהדרין פון חנוכה. ס'זעט אויס אז דער רמב"ם האט פארשטאנען אז דער הידור איז פשוט אז מ'צינדט מער לעכט. נישט אז, מ'האט געקענט פארשטיין אז נר לכל אחד איז נישט אז מ'איז יוצא סוף כל סוף פון די בעל הבית, און מ'האט געלערנט אז ס'איז דא אויף דער רואה אפשר, וואס אזוי איז יוצא. נישט אז דער רמב"ם לערנט נישט, דער רמב"ם זאגט נישט אז יעדער צינדט, רייט? ער זאגט סך הכל אז מען צינדט מער לעכט.

**ר' יואל אשר:** איך וואלט געקענט פרעגן אזוי: הידור מצוה געוועהנליך מיינט אז ס'איז דא איין עצם מצוה, און דאס מאכט מען שענער מיט הידורים. מען מאכט א סוכה, און מען לייגט אויף דעם נוי סוכה, דאס איז א הידור פון די מצוה. סאו וואלט איך געקענט זאגן אז די איין לעכט, דאס בלייבט די עיקר מצוה, אלע אנדערע לעכט מאכן שענער די איין לעכט. אבער איך וואלט נישט געזאגט אזוי, איך וואלט געזאגט אז די הידור מצוה איז אז אנשטאט איין לעכט צינדט מען מערערע לעכט, און יעדער איינס פון זיי איז דער נר חנוכה. ס'איז נישט אזוי ווי איין לעכט איז דער עיקר מצוה און אלע אנדערע זענען נוספות.

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט וועלכע חילוק פונקטליך ס'מאכט צו זאגן דאס.

**ר' יואל אשר:** ס'מאכט נישט קיין חילוק, אבער א מהדר את המצוה, איינער וואס וויל טון די מצוה בשיינקייט, פארוואס האט עס צו טון מיט די אמאונט פון מענטשן אין די צימער? ס'איז נישט פאר דו צינדסט עס פאר יענעם מענטש.

**ר' יצחק:** דאס איז סתם א שיעור.

**ר' יואל אשר:** ס'איז דא מער מענטשן, זאל זיין מער פרסומי נסא?

**ר' יצחק:** ס'איז דא מער מענטשן, איז גוט צו זיין מער דאס. יא. זאגט דער רמב"ם ווייטער.

#### מהדרין מן המהדרין — מוסיף והולך

**ר' יואל אשר:** **והמהדר יתר על זה ועושה מצוה מן המובחר**, איינער וואס וויל מהדר זיין מער פון דעם, ער וויל טון די מצוה מן המובחר, שטייט די בעסטע וועג, איז נישט נאר צינדט אן א לעכט פאר יעדן איינעם, נאר מ'הייבט טאקע אן אזוי, אבער מ'לייגט נאך צו די זאך אז מ'לייגט צו יעדע נאכט נאך א לעכט. **מדליק נר לכל אחד ואחד בלילה הראשון**, טוט בלילה הראשון טוט פלעין די ערשטע מין הידור, אבער די אנדערע נעכט לייגט מען צו די גרעסערע הידור אז מ'לייגט צו נאך א לעכט. אויך פאר יעדע נאכט.

**ר' יצחק:** נישט ער לייגט צו א גרעסערע הידור, נאר נאכדעם.

**ר' יואל אשר:** דאס איז די הידור, אז מען טוט עס לויט די אמאונט פון טעג, אז מען גייט ארויף מיט די אמאונט פון נרות וואס מען צינדט.

**ר' יצחק:** דאס הייסט, דער רמב"ם זאגט נאכדעם, חוץ פון דעם, וואס דאס הייסט, ס'קען נישט זיין ווייניגער ווי די פלענער מהדר, חוץ פון דעם וואס ער צינדט אזויפיל דימענשן, צינדט ער נאך, לייגט ער צו יעדן טאג איין לעכט.

**ר' יואל אשר:** לויט דער רמב"ם קען מען נישט סקיפן די מיטלסטע און גיין למשל מאכן יעדע נאכט מוסיף זיין, אבער מאכן נאר איינס פאר די גאנצע משפחה.

**ר' יצחק:** רייט.

**ר' יואל אשר:** און דער רמב"ם מאכט עס זייער קלאר. **הרי שהיו אנשי הבית עשרה**, ס'איז דא צען מענטשן אין שטוב, צינדט מען די ערשטע נאכט צען נעכט, **און די צווייטע נאכט צוואנציג**, ווען מ'לייגט צו פאר יעדן איינעם נאך איינס, **ובליל שלישי שלשים**. אינטערעסאנט אז דער רמב"ן, ווען ער מאכט א סימפל חשבון, זאגט ער דאך עס עקזעקליך.

#### דיסקוסיע: דער רמב"ם קעגן תוספות

**ר' יצחק:** ניין, ווייל אז ער קען רעכנען אז, אזוי ווי תוספות האט גע'טענה'ט, אז מ'קען נישט מאכן די מהדרין מן המהדרין פלוס די מהדרין, ווייל ס'וועט דאך נישט וויסן כאילו וועלכע נאכט ס'איז, ס'קען דאך וויסן אז ס'איז דא מער מענטשן אדער ווייניגער מענטשן. דער רמב"ן מאכט דאך זייער קלאר אז ס'מיינט טאקע דאס, מ'צינדט צען און נאכדעם צוואנציג. און אויך אז ס'קען זאגן סתם אזוי, ס'קען זאגן אנדערש. קענסט זאגן אז מוסיף ואחד מיינט מ'מאכט עלף די צווייטע נאכט.

**ר' יואל אשר:** סאו די תוספות הייסט אז די הידור פון צולייגן איז אז מ'זאל וויסן וועלכע נאכט חנכה ס'איז, וועט די הידור נישט שטימען מיט די אנדערע הידור פון לכל אחד ואחד. דער רמב"ן זארגט זיך נישט פאר דעם. ער זאגט אז דער עיקר איז דער כל אחד ואחד, אז דער עיקר לייגט מען צו צו דעם צולייגן יעדע נאכט.

**ר' יצחק:** ווייל ס'זעט אויס אז דער רמב"ן האט נישט גענומען ערנסט די זאך אז מ'זאגט נישט וועלכע נאכט ס'איז, אזוי ווי ס'איז אפשר רמזים. אבער דער עיקר האט דער רמב"ן לכאורה פארשטאנען אז דער עיקר איז אז מ'ציט מער לעכט, מער לעכט אלס מער יום טוב.

**ר' יואל אשר:** גייט ארויף מיט די עקסייטמענט כאילו.

#### מנהג פשוט בספרד — אנדערש פון די מצוה מן המובחר

דאס האט דער רמב"ם געזאגט וואס די מצוה פון א מבחר איז. אבער וואס טוט מען למעשה? וואס איז דער מנהג? זאגט דער רמב"ם אזוי, **מנהג פשוט בכל ערינו בספרד**. דער מנהג וואס האט זיך פארשפרייט אין ספעין אין די פלעצער וואו דער רמב"ם האט געקענט, איז אזוי: **שיהיו כל אנשי הבית מדליקין נר אחד בלילה הראשון. ומוסיפין והולכין נר בכל לילה ולילה, עד שנמצא מדליק בליל שמיני שמונה נרות.**

**ר' יצחק:** דאס הייסט, דער מנהג איז נישט ווי דער רמב"ם. דער רמב"ם האט געהאלטן אז וואס ס'שטייט אין די גמרא וואס מ'דארף טון איז אז מ'דארף נעמען ביידע.

**ר' יואל אשר:** נר לכל אחד ואחד, און צו לייגן יעדן טאג איינס.

**ר' יצחק:** זאגט ער, דער מנהג איז אבער נישט אזוי. דער מנהג איז יא אזוי ווי כאילו וואס כ'האב גע'טענה'ט בשם תוספות, אז מ'דארף נישט, אדער איך ווייס נישט צו דער מנהג האט געהאט די סברא, אבער דער מנהג איז נישט געווען צו מאכן כנגד כל אנשי הבית און אויף דעם דאבלען יעדן טאג. דער מנהג איז צו מאכן איין מנורה, אלע אנשי הבית צוזאמען צינדן נאר איין, נישט קיין מנורה, איין לעכט, און זענען מוסיף והולך, און ס'איז נאר אכט, און ס'איז נישט אכציג אויב ס'איז דא צען מענטשן.

**ר' יואל אשר:** סאו מ'לאזט אויס די מהדרות המצוה, מ'גייט פון מצותה ביז...

**ר' יצחק:** נישט קיין חילוק, אלעמאל מאכט מען אזוי. איז דאס דער מנהג. דער מנהג איז נישט אזוי ווי דער רמב"ם האט פארשטאנען, אבער דער מנהג איז אביסל אנדערש.

#### דיסקוסיע: אונזער מנהג קעגן דעם רמב"ם

נאר וואס יא? ס'איז דא צווי עיקר חילוקים צווישן וואס דער רמב"ם פארשטייט און צווישן אונז פארשטייען. אונז פארשטייען אז דער הידור איז אז... דאס הייסט, איך האב כמעט נישט געזען א מענטש וואס צינדט צווי מנורות ווייל ס'איז דא צווי מענטשן אין זיין הויז. הגם אז אונז פירן זיך יא צו מאכן...

**ר' יואל אשר:** אדאלט מענער, אויב ס'איז דא אדאלטן אינדערהיים, אדאלט מענער, אקעי. אבער לויט'ן רמב"ם איז דאס נישט קיין ענין, ווייל לויט די מענטשן איז בין אנשים בין נשים.

**ר' יצחק:** דאס איז אן אנדערע קשיא. איך האב שוין גערעדט וועגן דעם, פארוואס פירן זיך נישט די נשים ביי אונז אדער די מאמעס? איך ווייס נישט, פארוואס פירן זיי זיך נישט? ס'איז אויך די מנורה. ווייל לויט ווי אונז פארשטייען דארפן זיי יא. ס'איז דא אנדערע תירוץ פארוואס ס'איז דא וואס פירן זיך אזוי נישט. אין מיין הויז פירט מען זיך אזוי יא, איך ווייס נישט. אבער דער וואס פירט זיך אזוי נישט, איז דא אנדערע תירוץ פארוואס.

און ווען מ'טעארעטיש, אונז וואס אונז פארשטייען איז אז די נר לכל אחד. די מצוה אז יעדער זאל צינדן. נאכדעם ווערט א שאלה, דער רמב"ם רעדט אז ס'איז דא א פראבלעם. תוספות זאגט דאך אז ס'איז דא א פראבלעם, דו קענסט דאך נישט מאכן, מ'וועט דאך נישט וויסן וועלכע נאכט ס'איז. האבן מיר געטראפן אן עצה, מ'צינדט אן עקסטרע מנורה, אן עקסטרע פלאץ, מ'מאכט עפעס א העקר אז יעדער איינער צינדט זיין מוסיף עולה, זיין מהדרין בן מהדרין. מ'האט געטראפן, מ'האט געסאלוויט דעם פראבלעם.

אויל דער רמב"ם איז סיי, ס'איז נישט דא קיין זאך אז יעדער איינער זאל צינדן, דער בעל הבית דארף צינדן פאר יעדער, אויב מ'וויל טון די ערשטע הידור, און סיי, דער רמב"ם זאגט אז דער מנהג איז, אז מ'טוט בכלל נישט די מיטלסטע געדרער, סתם ער טוט נאר איינס.

**ר' יואל אשר:** וואס דער רמב"ם אליין האט עס געטון, זאגט ער, אז ער האט נישט געקענט זיין אז ער האט געטון די מצוה מן המבחר. ער זאגט אז די מנהג אין ספרי, אז ער האט אזוי געלערנט אז אזוי איז...

**ר' יצחק:** די מצוה מן המבחר, קען זיין ער האט געטון אזוי. ער זאגט נאר אז דער עולם פירט זיך נישט אזוי. אקעי, אונז ווייסן, איך ווייס נישט. ער זאגט נישט, ס'איז זייער ווייניג מאל וואס ער זאגט וואס ער פירט זיך. נאר אין הלכות תשעה באב זאגט ער וואס ער פירט זיך. ער זאגט נישט וואס ער טוט, ער זאגט וואס דער מנהג איז. אקעי. עד כאן איז די שאלה וויפיל לעכט מען דארף צינדן, אדער וויפיל לעכט מען צינדט. יא?

**ר' יואל אשר:** ס'זעט אויס דער רמ"א וואלט יא געוואלט אז מ'זאל טון ווי דער רמב"ם.

**ר' יצחק:** און אין פלאס צולייגן די חומרא אז מ'זאל...

**ר' יואל אשר:** יעדער איינער זאל צינדן אין אן אנדערע ווינקל.

**ר' יצחק:** אז מ'זאל זען וויפיל די נאכט איז. אבער דער רמב"ם זאגט נישט אז יעדער איינער זאל צינדן. אקעי, דער רמב"ם זאגט מען זאל צינדן לפי אנשי הבית. איך ווייס נישט צו דער רמב"ם איז בדוקא בדייקא. ס'איז א גאנצע אנדערע זאך, ער רעדט נישט פון דעם... אוודאי, וועווער צינדט, נישט קיין חילוק ווער צינדט, די מאמע קען צינדן. אבער וואס איך זאג איז א גאנץ אנדערע פשט אין די הידור. דער רמב"ם האט בכלל נישט די אידיע...

**ר' יואל אשר:** אז יעדער איינער זאל צינדן. אקעי.

**נר שיש לו שתי פיות**

שוין, זאגט דער רמב"ם ווייטער. שוין, זאגט דער רמב"ם אזוי: דער מנין הנרות איז דאך יעדע נאכט צוצולייגן נאך א נר. זעט אויס אז ס'איז דא עפעס אן ענין מ'זאל ווייסן וויפיל מ'צינדט. סאו, איז אזוי: **נר שיש לו שתי פיות.** א לייכטערל, א פארצייטישע נר, איז געווען אזא שיסל וואס האט געהאט פון דעם פלאץ וואו מ'האט אריינגעלייגט א קנויט. אויב איז דא אזא... לעמפל וואו ס'איז דא צוויי קנויטן, **עולה לשני בני אדם** פאר די ערשטע נאכט, אבער פאר די וואס איז נישט דווקא מהדר קענען צוויי מענטשן צינדן יעדער איינער מיט זיין ווינקל.

**ר' יצחק:** וואס הייסט צוויי מענטשן מאכט שוין...

**הלכה א (המשך) – נר שיש לו שתי פיות, כפה עליה כלי, מדורה**

**דיון: וואס מיינט "שני בני אדם" – צוויי מענטשן אין זעלבן הויז אדער צוויי באזונדערע בעלי בתים?**

**ר' יצחק:** אקעי.

**ר' יואל אשר:** זייער גוט. דער רמב"ם זאגט אז יעדער איינער זאל צינדן לפי הנשים. איך ווייס נישט צו דער רמב"ם איז בדיקא בדיקא.

**ר' יצחק:** ס'איז א גאנצע אנדערע זאך. ער רעדט נישט פון דעם... אוודאי, whoever צינדט, נישט קיין חילוק ווער צינדט, די מאמע קען צינדן. אבער וואס איך זאג איז א גאנץ אנדערע פשט אין די עדרה. דער רמב"ם האט בכלל נישט די אידיע אז יעדער איינער זאל צינדן.

**ר' יואל אשר:** אקעי. שוין, זאגט דער רמב"ם אזוי: **דער מנין הנרות איז דאך יעדע נאכט צוצולייגן נאך א נר. ס'זעט אויס אז ס'איז דא עפעס ענין מ'זאל ווייסן וויפיל מ'צינדט. סאו, איז אזוי: נר שיש לו שתי פיות.** א לייכטערל, א פארצייטישע נר, איז געווען אזא שיסל וואס האט געהאט פון דעם פלאץ וואו מ'האט אריינגעלייגט א קנויט. אויב ס'איז דא אזא לעמפל וואו ס'איז דא צוויי קנויטן, **עולה לשני בני אדם,** פאר די ערשטע נאכט, אדער פאר די וואס איז נישט דוקא מהדר, קענען צוויי מענטשן צינדן יעדער איינער מיט זיין ווינקל.

**ר' יצחק:** דאס הייסט, צוויי מענטשן מאכט נישט קיין סענס. צוויי מענטשן... מ'רעדט דאך פון די מהדר וואס מ'מאכט קעגן צוויי מענטשן, איז דאס איז פאר צוויי. אדער עפעס די צווייטע נאכט, אז דער רמב"ם זאגט נישט עפעס די צווייטע נאכט, אבער ער זאגט עס אז צוויי מענטשן. צוויי אנדערע מענטשן מיט צוויי אנדערע הייזער קענען זיך נישט צינדן אין זעלבע פלאץ. יעדער איינער דארף צינדן אין זיין הויז.

**ר' יואל אשר:** רייט? אן עקסטערע ראש הבית וואס ער וויל נישט יוצא זיין מיט די...

**ר' יצחק:** ס'איז נישט אזא זאך, פילסטו געטראפן אזא זאך אין די רמ"א? ס'איז נאר דא צוויי מענטשן. לכאורה רעדט מען זיך פון דעם מהדרין, און ער קען צינדן צוויי. וויאזוי קענען צוויי מענטשן אין זעלבע פלאץ אז נישט צינדן זיך אין די הייזער?

**ר' יואל אשר:** וואס איז דאס פשט? אקעי. דו מיינסט זאגן פאר א צווייטע נאכט?

**ר' יצחק:** די ערשטע נאכט. צוויי מענטשן. ס'שטייט נישט די צווייטע נאכט.

**ר' יואל אשר:** אה, דו מיינסט לויט די הידור?

**ר' יצחק:** יא. וואטעווער.

**ר' יואל אשר:** און אויך איז די זעלבע זאך די צווייטע נאכט, אויב מ'וויל צינדן צוויי לעכער. יא. ניין, ער זאגט אפילו שנייבארנער. אקעי. אבער אויב מ'האט געטון אנדערש, **מילא קערה שמן והקיפה פתילות,** מ'האט ארומגעלייגט פתילות, נישט אז ס'איז דא אזא special lump וואס האט צוויי פלעצער פארקלויטן.

**ר' יצחק:** ס'האט עס ווי א לאך אז ס'איז פארמאכט, און ס'האט עס ווי א פי, אן עפענונג. סתם האסטו א טעלער אריינגעלייגט אין דעם א באנטש פון פתילות.

**דיון: וואס מיינט "כפה עליה כלי" – א דעקל אדער א כלי מיט לעכער?**

**ר' יואל אשר:** איז אזוי, **אם כפה עליה כלי,** אויב האט ער געלייגט אויך עפעס א כלי פון אויבן, זעט אויס ווי איין גרויסע... די כלי נעמט צוזאם אלע לעכטיגקייטן און ס'ווערט נחשב כנר אחד.

**ר' יצחק:** ניין, דאס איז די אפאזיט. די כלי איז אזויווי א פיס, ס'האט א באנטש פון לעכער.

**ר' יואל אשר:** און ס'מאכט עקסטער. און אזוי קומט אויס אז פאר יעדע פתילה איז דא עפעס אן עקסטערע קאווער אזויווי.

**ר' יצחק:** אזויווי א לאך, נישט א קאווער. כפה עליה כלי מיינט ער האט א כלי וואס אין די כלי איז נישטא קיין...

**ר' יואל אשר:** אזויווי פיות, אזויווי פיות אזא...

**ר' יצחק:** עקזעקטלי, נישט פיות וואס ער האט אריינגעבויעט אין די לעכט, נאר ער מאכט א פראוויזארישע פיות.

**ר' יואל אשר:** ס'איז בעצם אזויווי אונזערע מנורות וואס מאכט פאר יעדער איינס אן עקסטערע...

**ר' יצחק:** אונזערע מנורות איז נישט קיין... עקסטערע כלים.

**ר' יואל אשר:** עקזעקטלי. אבער כפה עליה כלי, ממילא די כלי מאכט יעדע פתילה פאר אן עקסטערע זאך לעצמו, איז **כל פתילה ופתילה נחשבת כנר אחד,** און מ'קען אין אזא קערה למשל אנצינדן כמספר אנשי הבית. אבער **לא כפה עליה כלי,** איז נישטא עפעס וואס מאכט יעדע פלאם פאר אן עקסטערע זאך. וואס דען ווערט עס? ס'ווערט אזויווי א מדורה, ס'ווערט אזויווי א פאקל וואס האט אויך עקסטערע קנויטן אין די פאקל, אבער ס'איז דאך, זעט עס אויס ווי א מדורה.

**דיון: וואס איז א מדורה און פארוואס איז עס פסול?**

**ר' יצחק:** א מדורה מיינט פשוט א פייער, נישט א נר, נישט א הבדלה. הבדלה לעכט איז א גרויסע לעכט. א מדורה מיינט מען ס'איז דא אזויווי וואס מ'צינדט פאר די פייער פלעיס, אזויווי א פייער. א פאקל, יא. איך ווייס נישט

א פאקל, איך ווייס נישט פשטות פון די ווארט פאקל. מדורה איז נישט א פאקל. די פראבלעם פון מדורה איז, מיר וועלן לערנען שפעטער, מדורה איז נישט קיין זאך וואס מ'צינדט פאר כבוד, פאר שיינקייט. ס'איז א זאך וואס מ'צינדט אנצו-ווארעמען. ס'איז א גרויסע, ס'זעט אויס ווי א מדורה. ס'איז נישט קיין מדורה, ס'איז ווי א מדורה. ממילא איז עס אפילו נישט קיין אין לעכט.

**ר' יואל אשר:** אפילו כנר אחד איז נישט חשוב. ס'הייסט נישט א לעכט.

**ר' יצחק:** איך מיין, דערפאר שטייט "אפילו בנר אחד"? אינטערעסאנט. גוט, דאס מיינט אז ס'איז נישט...

**ר' יואל אשר:** אבער ס'שטייט דאך "אפילו בנר אחד", ס'שטייט נישט אז ס'איז א מדורה.

**ר' יצחק:** יא, אבער מיר גייען דאך מיט די ריכטיגע מדורה, און ס'שטייט... ווי דער מאור זאגט.

**ר' יואל אשר:** אז א מדורה איז נישט עפעס פון כבוד, יא? פון וואו געדענק איך אזא זאך?

**ר' יצחק:** מיר וועלן זען שפעטער אין די הלכה.

**הלכה ב — זמן הדלקה**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער...

**ר' יצחק:** דאס איז די פראבלעם פון א מדורה. יעצט גייען מיר לערנען ווען מ'צינדט.

**ר' יואל אשר:** יא, ווען איז די זמן. זאגט דער רמב"ם: **"אין מדליקין נרות חנוכה קודם שתשקע החמה"** — מ'צינדט נישט נרות חנוכה פאר די זון גייט אונטער. ווייל בייטאג איז נרות נישט ניכר, דער ענין פון נרות איז ווען ס'איז שוין טונקל. **אלא עם שקיעתה**, ווען די זון גייט אונטער, ביי די שקיעה, ווען ס'הייבט אן ווערן טונקל. **לא מאחרין ולא מקדימין**, מ'מאכט עס אויך נישט שפעטער ווי די שקיעה, אבער מ'מאכט עס אויך נישט פריער ווי די שקיעה. איך מיין די ענין איז, איך ווייס נישט אויב דער רמב"ם זאגט עס קלאר ארויס, אבער אז בייטאג זעט מען נישט קיין לעכט, און ביינאכט איז נישט ניכר אז ס'איז פאר א מצוה, ווייל ביינאכט צינדן מענטשן אן לעכט אין די שטוב סתם אזוי צו פארטרייבן די טונקלקייט. ביי די שקיעה איז ניכר אז מ'צינדט עס אן פאר לשם מצוה.

**ר' יצחק:** ניין, דער רמב"ם, ס'שטייט אין די גמרא אזוי, דאס איז פון וואו דער רמב"ם האט דאס גענומען.

**ר' יואל אשר:** דאס איז די פשטות.

**ר' יצחק:** איך שטיי, אבער איך מיין אז דאס איז די ענין, ניין? ניין, איך האב נישט געהערט פון אזא אידיע. דער רמב"ם האט אנגעקוקט.

**שכח או הזיד — תכלה רגל מן השוק**

**ר' יואל אשר:** קוק ווייטער וועסטו זען. **שכח או הזיד ולא הדליק עם שקיעת החמה**, אויב איינער האט פארגעסן, אדער ער האט נישט פארגעסן, און סתם אזוי נישט געהאלטן דערביי, ער האט נישט אנגעצינדן ביי שקיעת החמה, האט ער נאך א קורצע טשענס: **מדליק והולך, ביז דער זמן וואס הייסט תכלה רגל מן השוק**, אז די מענטשן דרייען זיך מער נישט אין גאס, ווען ס'ווערט טונקל גייט יעדער איינער צו זיך אהיים, איז ביז דעמאלטס קען מען עס צינדן לעכט. ווי לאנג איז דער זמן? זאגט דער רמב"ם, **כמו חצי שעה או יתר**, בערך א האלבע שעה, אדער אביסל מער.

**ר' יצחק: עבר זמן זה אינו מדליק.**

**ר' יואל אשר:** צינדט ער מער נישט אן.

**דיון: פארוואס מוז מען צינדן פונקט ביי שקיעה?**

**ר' יצחק:** סאו דער רמב"ם, די ריזען פארוואס דער רמב"ם האט געזאגט אז מ'דארף צינדן ביי די שקיעה איז וועגן דעם. דאס הייסט דאך לכתחילה, ווייל דעמאלטס דארף עס זיין פאר די מענטשן. מענטשן דרייען זיך אין די גאס נאך אביסל ממש נאך די שקיעה, מ'האלט נאך אינמיטן אהיימגיין, וואטעווער ס'איז, דעמאלטס דרייט מען זיך נאך, און ביינאכט איז נישט דא קיינער אין גאס. ממילא האסטו נישט וועם צו צינדן, מ'צינדט דיך אינדרויסן, מ'גייט שוין עס באלד זען. ממילא דארף עס זיין אין משקיעה, פארדעם וואס דו זאגסט נישט אינטערעסאנט, נאכדעם איז אויך נישט דא פאר וועמען, מוז עס זיין פונקט אין משקיעה. די יאפעטעס קען זיין ביז תכלה רגל, אבער לכתחילה זאלס ברענען א גאנצע צייט, דעמאלטס הייבט זיך אן אז דאס איז די זמן המצוה אזוי ווי לכאורה. פארשטייסט?

**ר' יואל אשר:** אין שולחן ערוך שטייט שוין מער, ניין? אין די היינטיגע מנהג אז מ'ערלויבט זיך יא שפעטער.

**ר' יצחק:** דארט וועט מען זען. אקעי. לויט די רמב"ם און אויך לויט די אנדערע דארף...

**ר' יואל אשר:** מען שטארק מקפיד זיין.

**ר' יצחק:** אונז צינדן נישט פאר די גאס עניוועי, סאו הייבט טויטש זיך די גאנצע מעשה.

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם דערמאנט נישט אזא אפשר בכלל?

**ר' יצחק:** דער רמב"ם האט נאכנישט געזאגט וואו מ'צינדט, מ'וועט באלד זען.

**הלכה ג — שיעור שמן**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, וויפיל אויל, ווי גרויס דארף זיין די לעכט?

**ר' יצחק:** ס'איז לכאורה א המשך פון דעם, וויבאלד אז דער עיקר, דו זעסט אז די אריגינעלע, די אידיאלע הדלקה איז אז ס'זאל ברענען א גאנצע צייט פון תשכח ביז תכלה רגל, די האלבע שעה לאמיר זאגן. ממילא...

**ר' יואל אשר: "וצריך ליתן שמן בנר כדי שתהיה דולקת והולכת עד שתכלה רגל מן השוק".** הייסט אז די זמן תכלה רגל מן השוק, די עקסטרע האלבע שעה איז נאך די זמן פון הדלקת נר חנוכה, זאל עס ברענען אין יענע צייט.

**ר' יצחק:** ניין...

**ר' יואל אשר:** ווייל דאס זאגט ער דאך.

**ר' יצחק:** ס'זאל זיין גענוג שמן פאר יענע צייט.

**ר' יואל אשר:** די גאנצע צייט וואלט עס געדארפט זיין א לעכט.

**ר' יצחק:** אבער בדיעבד, יא?

**הדליקה וכבתה**

**ר' יואל אשר:** יא. **"הדליקה וכבתה אינו זקוק להדליקה פעם אחרת".** אויב האט מען אנגעצונדן און ס'האט זיך אויסגעלאשן, דארף מען עס נישט נאכאמאל אנצינדן. די הדלקה, איינמאל מ'האט שוין אנגעצינדן האט מען יוצא געווען.

**ר' יצחק:** הגם, ס'הייסט, הגם אז בעצם איז בעסער, מ'וואלט געוואלט אז ס'זאל ברענען א גאנצע צייט, אבער מ'דארף נישט שטיין דארט א גאנצע צייט מאכן זיכער אז ס'ברענט. אזוויי מ'זעט פריער, קען מען זאגן א פשוט'ע זאך, ווייל ס'איז כאילו לכתחילה, אזוויי אריגינעל, וואלט געדארפט זיין אזוי. אבער בדיעבד, אפילו איין מינוט האט מען יוצא געווען, אפילו איין סעקונדע. דו זעסט דאך אז מ'קען צינדן ביז תכלה רגל, אפילו פאר איין סעקונדע. סאו דיין לעכט האט געברענט פאר איין סעקונדע, נישט פאר די גאנצע זמן. איז דאך גענוג?

**ר' יואל אשר:** פשוט. זאגט ער יעצט מער, נישט נאר אויב האט זיך אויסגעלאשן דארף מען מער נישט, נאר... אה, ניין, דא רעדט ער. אקעי. **"נשארה דולקת אחר שכלתה רגל מן השוק"**, נאכדעם וואס איז שוין דורכגעגאנגען די זמן פון כלתה רגל מן השוק...

**ר' יצחק:** דעמאלטס...

**ר' יואל אשר:** אפילו ס'ברענט, זאלסטו נישט מיינען אז עפעס ווערט מוקצה למצוותו אדער וואס. **"אם רצה לכבותה או לסלקה עושה"**. מ'קען עס אויסלעשן, מ'קען עס אוועקנעמען, מ'קען אויסלעשן אדער אוועקנעמען אויל פון דארט. ווייל איינמאל ס'איז דורכגעגאנגען די זמן, קען מען אוועקנעמען די מנורה.

**ר' יצחק:** די אויל האבן מיר נאכנישט גערעדט וועגן דעם, מ'וועט באלד גערעדט וועגן דעם. וואס ער זאגט איז סך הכל אז די מצוה איז נאר דעמאלטס, און נאכדעם איז נישט קיין שום ענין, קענסטו שוין אויסלעשן. סך הכל וואס ער זאגט. ס'איז נישט... יא. אקעי. דער רמב"ם זאגט נישט וועגן הנאה פון די שמן. אנדערע פלעצער שטייט.

**ר' יואל אשר:** זאג וואס מיינט אז דו בלייבסט רעדן וועגן עפעס.

**ר' יצחק:** אקעי. אפשר באלד קען מען רעדן וועגן דעם, ווייל דא שטייט נישט. יא. יעצט קען מען רעדן פון וואס מען דארף צינדן.

### הלכה ד — שמנים ופתילות

**ר' יואל אשר:** וואס זענען די סארטן שמנים און פתילות? זאגט דער רמב"ם, **"כל השמנים וכל הפתילות כשרות לנר חנוכה"**. סיי וועלכע אויל אדער קנויטן איז כשר פאר נר חנוכה. זאגט דער רמב"ם, **"ואף על פי שאין השמנים נמשכין אחר הפתילה"**, אפילו אזעלכע מיני אוילס וואס ציט זיך נישט גוט אריין אין די פתילה, און אסאך מאל שפרינגט עס ארום אדער ס'לעשט זיך אויס, **"ואין האור נתלית יפה באותן הפתילות"**, אדער די שמנים אדער די פתילות זענען נישט גוט, **"ואין האור נתלית יפה באותן הפתילות"**, איז עס אויך כשר. אפילו לגבי שבת האט מען געלערנט אויף די סארט זאכן אז מ'זאל נישט אנצינדן מיט זיי שבת. וועגן שבת איז דא א חשש שמא יטה, ווייל ס'וועט נישט טויגן וועט מען קומען צו מחלל שבת זיין. אבער ביי חנוכה איז נישט דא דער פראבלעם, סאו הואיל וס'איז "דואבל", מ'קען עס אנצינדן, אמאל דארף מען עס נאר פיקסן, איז עס כשר.

#### אפילו בלילי שבת — אסור להשתמש לאור חנוכה

זאגט דער רמב"ם אן אינטערעסאנטע חידוש: **"ואפילו בלילי שבת שבתוך ימי חנוכה מותר להדליק בשמנים ופתילות שאסור להדליק בהן נר שבת"**.

**ר' יואל אשר:** אפילו ליל שבת וואס איז אין חנוכה, מעג מען צינדן די חנוכה לעכט. הגם די שבת לעכט טאר מען נישט צינדן מיט דעם, אבער די חנוכה לעכט מעג מען צינדן מיט דעם אויך אויף שבת. מ'זאגט נישט אז די חשש שמא יטה וועט ארויפגיין אויכעט אויף די נרות חנוכה. פארוואס? זאגט דער רמב"ם, **"לפי שאסור להשתמש לאור חנוכה בין בשבת בין בחול"**. שבת איז די לעכט טאקע געמאכט מ'זאל זיך באנוצן די מצוה, ס'זאל באלייכטן די סעודה, ממילא איז דא א חשש שמא יטה. אבער ביי חנוכה איז דאך נישט דא קיין מצוה פון... טאר מען זיך נישט משתמש זיין מיט די לעכט עניוועי פאר די אייגענע הנאה. ס'איז דאך נישט געמאכט, למשל, אויב מ'וויל עסן די סעודה דארף מען שטעלן עקסטערע לעכט.

### הלכה ב (המשך) — איסור הנאה מנר חנוכה / שמא יטה

#### פארוואס איז נישטא "שמא יטה" ביי נר חנוכה?

**ר' יואל אשר:** פארוואס? זאגט דער רמב"ם, **"לפי שאסור להשתמש לאור חנוכה בין בשבת בין בחול"**. שבת איז די לעכט טאקע געמאכט אז מ'זאל זיך באנוצן מיט די מצוה, ס'זאל באלייכטן די סעודה, ממילא איז דא א חשש "שמא יטה". אבער חנוכה איז דאך נישטא קיין מצוה פון... מ'טאר זיך נישט משתמש זיין מיט די לעכט עניוועי פאר די אייגענע הנאה, ס'איז דאך נישט געמאכט. למשל, אויב מ'וויל עסן די סעודה, דארף מען שטעלן עקסטערע לעכט צו מאכן לעכטיג. די נר חנוכה איז נאר געמאכט פאר די מצוה אליין, ממילא איז נישטא די חשש "שמא יטה".

**ר' יצחק:** און אפילו בחול, דאס הייסט סיי שבת, ממילא איז שבת נישטא קיין חשש "שמא יטה", און סיי בחול. סתם אזוי זאגט ער די הלכה, און ער פירט אויס, "ואפילו",

**ר' יואל אשר:** זאגט ער, מ'טאר אפילו נישט טון קיין שום שימוש, **"ואפילו לבדוק מעות או למנותן לאורה אסור"**. אפילו צו טשעקן געלט אדער ציילן געלט לעבן די חנוכה לעכט איז אויך אסור, ממילא איז נישטא די חשש "שמא יטה".

**ר' יצחק:** גערעכט, אבער דאס איז אבער די הלכה פון די וואכן. שבת ווערט געלט אן ענין פון מוקצה. ער זאגט שוין נאך די הלכה פון די וואכן, אז מ'טאר נישט נוצן די חנוכה לעכט צו עני שימוש, אפילו א קליינע שימוש. לכאורה דאס מיינט אפילו נישט צו עסן די סעודה דארט, א קליינע זאך, ער ציילט אביסל א דאלער, ער ווייסט נישט די מטבעות, וואטעווער מ'ציילט, איז אויך נישט קיין פראבלעם.

**ר' יואל אשר:** יא. מ'ציילט דאך געלט, ווייל מ'געבט דאך צדקה ביי די נר חנוכה, טאר מען נישט ציילן ביי די...

**ר' יצחק:** אקעי.

---

### הלכה ג — וואו מ'לייגט נר חנוכה

#### די מצוה להניחו על פתח הבית מבחוץ

**ר' יצחק:** זאגט דער רמב"ם, וואו מ'לייגט עס?

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **"נר חנוכה מצוה..."** וווען דער רמב"ם זאגט "מצוה", מיינט עס אז ס'איז אן עקסטערע הידור? אדער דאס איז די תקנת המצוה?

**ר' יצחק:** אזוי ווי ער האט געזאגט פריער,

**ר' יואל אשר:** **"מצוה להניחו על פתח הבית מבחוץ"**. די מצוה וואו מ'לייגט נר חנוכה איז אויף די טיר פון די הויז פון דרויסן, **"בטפח הסמוך לפתח"**, ביי די טפח נאנט צו די פתח, נישט ווייט פון די פתח.

**ר' יצחק:** לכאורה, דאס איז פשוט ווייל ס'זאל זיין קאנעקטעד מיט דיין הויז, דו וועסט נישט לייגן צו ווייט.

#### מזוזה מימין ונר חנוכה משמאל

**ר' יואל אשר:** **"על שמאל הנכנס לבית"**, די לינקע זייט פון דער וואס קומט אריין אין שטוב. פארוואס? ווייל די מצוה פון מזוזה איז אייביג אז די מזוזה לייגט מען

**ר' יצחק:** צו די רעכטע

**ר' יואל אשר:** זייט פון וואו מ'קומט אריין אין שטוב, איז דאס לייגט מען אויף די לינקע זייט, **"כדי שתהיה מזוזה מימין ונר חנוכה משמאל"**. ס'איז שיין אז די הויז זאל זיין ארומגענומען

**ר' יצחק:** מיט די ביידע מצוות פון די צוויי זייטן.

**ר' יואל אשר:** ס'קען זיין אז די מזוזה, דער רמב"ם האט אזוי געזאגט אז די מזוזה איז אן עדות, יא? די מזוזה איז אן עדות אויף... אן עדות אויפ'ן אייבערשטן, יא? א זכר. און די נר חנוכה איז אויך עפעס אן עדות אויף די נסים וואס דער אייבערשטער האט געטון צו אים.

**ר' יצחק:** זיי זענען ביידע עדות. די פארדער סך הכל איז שוין דא. בייסיקלי, דו האסט שוין יוצא געווען. די רעכטע זייט האט שוין באקומען אזא מצוה. פארוואס זאלסטו עס לייגן אויף די לינקע זייט? ס'איז עפעס אזא סך הכל, עפעס אזא רמז'ל,

**ר' יואל אשר:** אזא זאך.

#### ואם היה דר בעלייה — ביי א פענסטער

**ר' יואל אשר:** **"ואם היה דר בעלייה מניחו בחלון הסמוכה לרשות הרבים"**. אויב וואוינט ער אויף א צווייטע שטאק, מוז ער נישט... ער קען נישט,

**ר' יצחק:** ער האט נישט קיין טיר וואס איז נאנט צו רשות הרבים.

**ר' יואל אשר:** מ'טוט ער ענליכע זאכן, מניחו בחלון הסמוכה לרשות הרבים. מ'טוט ער עס ביי די פענסטער וואס איז אפן צו די רשות הרבים,

וואס איז נאנט צו די רשות הרבים.

**ר' יצחק:** זייער גוט. יא. זייער גוט.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "רשות הרבים" דא?**

**ר' יצחק:** נר חנוכה... דאס הייסט, לכאורה דער רמב"ם פארשטייט, די הלכה רעדט זיך וועגן דעם. דער מענטש וואס וואוינט אין א... ס'איז דא,

**ר' יואל אשר:** מענטשן האבן געהאט חלון נאנט צו די רשות הרבים, לויט וואס זיי האבן געלערנט. ס'הייסט, אסאך מענטשן האבן געוואוינט אינעווייניג אין א חצר אדער אין א מבוי. ס'זעט אויס אזוי ווי... דאס איז די עצה. ווער נישט קען נישט אנצינדן די מצות. ער האט נישט קיין מצות נר חנוכה. ער גייט שוין זאגן אז ס'איז דא ביי מיין סכנה. ס'איז אינטערעסאנט אזוי ווי ס'איז אדער ביי די נר חנוכה איז דא א חלושה. ס'איז רבים אדער ס'איז סכנה. ס'איז רבים קען מיינען אויך חצר. עניטינג ווי רבים מעג זיך דרייען, ער מיינט נישט דעם

**ר' יצחק:** נישט ס'איז רבים ממש. ס'איז דא וועגן דעם חקירות, ס'איז דא וואס זאגן, אויב איך געדענק, בפשטות, דער רמב"ם גייט נישט אריין אין דעם, אבער בפשטות, חנוכה ליכט לייגט מען ביי די טיר פון די הויז, נישט ביי די טיר פון די חצר. און ס'איז דא פלעצער, ס'איז דא לשונות וואו ס'שטייט די לשון, זעסט? ס'איז דא א מחלוקת, ס'איז דא רש"י און תוספות. רש"י זאגט אז מ'לייגט ביי די הויז אין די חצר. תוספות זאגט ניין, מ'לייגט ביי די חצר נעבן רשות הרבים. אין די רבים שטייט נישט, אבער איך מיין אז מער פשוט אזוי ווי רש"י. ס'הייסט, אזוי זאגסטו, רבים, הגם אפשר ביי די חצר דרייט מען זיך יא, שטייט דאך תכלה רגל מן השוק, אפשר רעדט זיך יא פון די שוק, אבער לאו דוקא אז מ'דרייט זיך אין די חצרות.

**ר' יואל אשר:** און אויפ'ן וועג איין פון די שוק גייט מען דאך דורך די חצרות. איך וויל זאגן, עפעס מענטשן דרייען זיך.

**ר' יצחק:** אפני, ס'איז קלאר ביי מיר דא אז די ווארט רשות הרבים

**ר' יואל אשר:** מוז דאך נישט זיין די זעלבע רשות הרבים אויף שבת.

**ר' יצחק:** רייט, עס רעדט זיך נאר אויף די פלאץ ווי עס דרייען זיך מענטשן, נישט דיין פערסאנעל אויס. אז עס קען זיין אז אוודאי רשת רבים מיינען דא צו זאגן חצר. נישט קלאר. קען אויך זיין אז דאס רעדט זיך פון אן אנדערע סארט געבוי פון שטיבער. הלכות עירוב נתנו אין א געוויסע סארט שטאט, און שפעטער אין די צייטן וואס מ'האט געמאכט חנוכה איז שוין געווען אנדערע שטעט, I don't know.

**ר' יואל אשר:** ס'קען אויך זיין אז ווען ס'שטייט "חלון הסמוכה לרשות הרבים", מיינט ער די נאנטסטע וואס דו האסט. אפשר קען מען עס... ס'איז נישט ממש ביי די רשות הרבים, אבער די נאנטסטע,

**ר' יצחק:** הכי סמוך. לייג עס שוין ביי דעם טיש, איך מיין, פאר די געלט.

**ר' יואל אשר:** הכי סמוך, אפשר וועט עס א מענטש זען. ס'איז נישט ממש exposed אז יעדער זעט עס, אבער ס'איז doable צו זען. און היינט איז דאך זייער מצוי, מען צינדט אין די בעק פענסטער וואס איז נאר אפן צו... אויב דער נעבער קוקט אים ארויס אויף פון זיין בעק יארד...

**ר' יצחק:** נו, דאס טוט מען נישט.

**ר' יואל אשר:** מען צינדט נישט אין די בעק פענסטער,

**ר' יצחק:** מען צינדט אין די פראנט פענסטער. וואס פאלט דיר איין? פלענטי מענטשן, ס'קומט אויס פראקטיש אז ער צינדט צו די בעק פענסטער. איך בין נישט מסכים.

**ר' יואל אשר:** מען צינדט אין די פראנט פענסטער. טייטש, איך האב נאר געזאגט מיט אים.

**ר' יצחק:** קענסטו אינדערהיים. ס'איז דא חסידישע אידן וואס טוען ביי א טיר אינדערהיים.

**ר' יואל אשר:** אמת, אבער... אבער דאס איז די שאלה צו...

**ר' יצחק:** אקעי. "סמוך לרשות הרבים" מיינט לאפוקי די בעק פענסטער. עקזעקטלי דאס. אז איינער האט נישט גארנישט, קענסטו פרעגן א שאלה, וואס איז דארט ביי ליב? וואס איז, ער האט נישט קיין פענסטערס אין זיין הויז?

**ר' יואל אשר:** ער איז א סטאק. ער איז מונח על שולחנו,

**ר' יצחק:** אזוי ווי דו מיינסט עס שטייט נישט, אבער ער קענסטו דאך עס האבן, ער ווייסט נישט. יא. דא זאגט דער רמב"ם א הלכה פון נר חנוכה, יא?

**למעלה מעשרים אמה — לא עשה כלום**

**ר' יואל אשר:** **"ונר חנוכה שהניחו למעלה מעשרים אמה"**, וואס האט עס געלייגט העכער פון עשרים אמה, **"לא עשה כלום"**, האט ער נישט גארנישט געטון. דאס הייסט נישט קיין געצינדן נר חנוכה, **"מפני שאינו ניכר"**. מען זעט דאך עס נישט. ס'איז טייטש אנדערש ווי ביי אן עליה.

**ר' יצחק:** עליה מיינט אז ס'איז פחות מעשרים, לכאורה דאס מיינט דער רמב"ם. פארדעם לייגט ער עס דא נישט, אזוי פארשטיי איך. אן עליה איז נישט די צוואנציגער גמ' הויך,

**ר' יואל אשר:** ס'איז די גמ' הויך. מען זאגט איין עליה, און אויב ס'איז דא צווי שטאק, אקעי.

**ר' יצחק:** ווי זיך שטאק שוין דא אמאל? ס'איז דא וועגן דעם פוסקים חקירות, אבער בפשיטות, העכער ווי צוואנציג אפילו, איך זע אז פון די סמיכות פון די רמב"ם זעט מיר אויס אז ער רעדט פון די הלכה, אבער אז נישט, וואס איז בכלל שיך ווי א הויז? ווי לייגט ער עס אינדרויסן? קען אויך אז ער לייגט עס פונקט אויף א גאר הויכע לייטער, איך ווייס וואס,

**ר' יואל אשר:** אבער בפשטות איז דאס די ווארט.

**דיגרעסיע: נר vs. מנורה — א וויכטיגער חידוש**

**ר' יצחק:** מ'דארף געדענקען אז די אלע הלכות רעדן נישט דא פון קיין א מנורה. "נר" מיינט די כלי, יא? נר איז די כלי וואס איז אמאל געקיילט, וואס אין דעם פלעגט מען לייגן אויל צו עפעס. א מנורה, ספעציעל פאר חנוכה, איז א שפעטערדיגע מנהג לכאורה. איך געדענק, איך האב געסוירטשט אמאל, די ערשטע וואס רעדט וועגן דעם איז אפשר די פרי חדש. אחרונים, אפשר שוין אביסל, מ'זעט אז ס'איז געווארן א מנהג אז מ'צינדט א ספעציעל כלי, אזא מנורה מיט אכט ברענטשעס לכבוד חנוכה. אבער די רוב הלכות איז סומך אז מ'צינדט סתם א לעכט.

סאו איך טראכט, איך האב שוין געשריבן אין מיין ספר אויף חנוכה, אז די אלע הלכות פון ניכר און סמוך לפתח, דאס אלעס רעדט אז ס'איז סתם א לעכט, דארפסטו מאכן עפעס א ספעציעל פלאץ אז ס'זאל זיין חנוכה. אבער ווען דו צינדסט א מנורה קענסטו שוין לייגן עניוועי, ווייל יעדער איינער ווייסט אז דאס איז א חנוכה מנורה. ממילא למשל, אין ליובאוויטש איז דא עפעס איינער וואס האט די גרעסטע מנורה, ער האט געמאכט אינגאנצן צוואנציג אמות און העכער, אבער ס'איז נישט ריכטיג, ווייל די דין פון מנורה איז נישט אז די פייער זאל נישט זיין העכער צוואנציג אמות, ס'איז די נר. אויב דו האסט אן אונטן מנורה פון די פלאר, קענסט מאכן הונדערט אמות אויכעט אויב דו ווילסט.

**ר' יואל אשר:** מ'האט דאך געלערנט אזוי ביי סכך, ניין? אז ס'הייבט זיך אן אין די עשרים.

**ר' יצחק:** אקעי, ווייל דארט איז דא פארשידענע, מ'קען טראכטן צו די למדות איז די זעלבע. שטייט טאקע, די גמרא שטעלט עס צו ווייל די שולט בה עין, אבער בקיצור, מ'קען חוקר זיין, יא.

**ר' יואל אשר:** איך ווייס נישט, די שאלה איז צו דו ביסט געגרעכט, ווייל למשל, אפשר ביסטו געגרעכט אויף די ערשטע נאכט, אבער איינמאל מ'הייבט אן צינדן לפי מספר הלילות, אפילו אן א מנורה, דארף מען זען, אה, ער האט געלייגט אויף איין פלאץ דריי, פיר. אמאל איז געווען, לכאורה האט מען געצינדן איין לעכט, דארף מען נישט קיין היכר. מ'גייט נישט גיין לייגן צוויי לעכט ווייל ס'איז א וועיסט.

**ר' יצחק:** ניין, ס'איז נאך מער לעכטיג. וואס איז די פראבלעם? א זאך וואס מאכט לעכטיג.

**ר' יואל אשר:** יא, אבער איך זאג, אויב וויל מען מאכן לעכטיג צוטיילט, לייגט מען נישט איינס לעבן די אנדערע. פארקערט,

**ר' יצחק:** מען לייגט איינס דא און איינס דארט. אקעי, דאס מאכט צו מאכן לעכטיג,

**ר' יואל אשר:** דו פארלעכטיגסט. ס'איז דאך אסור להשתמש לאורה. מ'מאכט עס נאר... ניין, אבער איך זאג, די נאמבער אליין טוט אויף בערך ווי די זעלבע ווי אין די מנורה. דו ביסט גערעכט פאר די ערשטע נאכט,

**ר' יצחק:** אבער... בקיצור, איך פארשטיי נישט. אה, דו זאגסט אז ס'איז ניכר ווייל מ'לייגט צוויי?

**ר' יואל אשר:** נו, ס'איז די זעלבע ניכר ווי א מנורה. אקעי, אבער בכלל,

**ר' יצחק:** אפשר טאקע די אלע הלכות רעדן צו די וואס איז נישט מהדרין, און דאס איז א גאנצע צייט, נע, ס'שטייט נישט נרות. אפשר טאקע, לאמיר צולייגן דאס צו מאכן א חידוש.

**ר' יואל אשר:** אפשר דאס טוט די הידור. ס'קען זיין אז ס'מאכט

**ר' יצחק:** זיך יא אמאל מענטשן צוויי לעכט. איך ווייס נישט. דאס איז דאך אז דאס איז דא... איי דאונט נאו. דאס איז דאך א גוטע הערה, איך ווייס נישט.

**דיגרעסיע: מאירי — ציצית, מזוזה, נר חנוכה**

**ר' יואל אשר:** איך מיש אראפ דא אביסל. איך האב געזען אן אינטערעסאנטע מאירי. דער מאירי איז דאך געווען א תלמיד פון דעם רמב"ן. דער מאירי איז דער וואס זאגט אז אינמיטן איז דער בעל הבית מעוטף בציצית.

**ר' יצחק:** ס'שטייט אין די פעידזש. אקעי,

**ר' יואל אשר:** קום.

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט וואו דו ווילסט עס זאל מעשן.

**ר' יואל אשר:** נו, נו, נו, דא.

**ר' יצחק:** ס'ווערט געברענגט פון שאילתות.

**ר' יואל אשר:** ניין, איך טראכט אפשר צו די מאירי איז דאך א תלמיד פון די רמב"ן, צו די אלע דריי זאכן איז עפעס אן עדות אויף די אייבערשטער'ס...

**ר' יצחק:** נישט עדות,

**ר' יואל אשר:** נישט עדות, נישט עדות,

**ר' יצחק:** נאר ס'שטייט אז ס'איז א זכר. די רמב"ן האט נישט געוואלט עדות, מיר האבן געלערנט אלס מזוזה. די רמב"ן זאגט אז דאס איז מלאכים, א ציצית פאר דאס, און מלאכים האבן שומרים את אדם, ווייל ס'דערמאנט אים פון מציאות השם.

**ר' יואל אשר:** נו, איז דאך זייער ענליך צו מזוזה. ניין, איך טראכט אז נישט סתם ווי איינער איז דא מצות חבילות חבילות, ווייל אויף די זייט איז שוין דא א מצוה. ווייל מ'איז ארומגענומען מיט זאכן וואס... אקעי, שוין ווייטער. זאגט דער רמב"ם ווייטער.

---

**הלכה ד — בימי הסכנה**

**ר' יצחק:** ער האלט אינמיטן יעצט לערנען וואו צו לייגן די מנורה.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, וואס טוט זיך ביי ימי הסכנה? ווען ס'איז א סכנה צו לייגן מנורות ביי די פענסטער, ווייל ס'איז געשען נאכאמאל ימי הרבנים וואס מאכן גזירות קעגן אידן, **איז מניח נר חנוכה בתוך ביתו מבפנים**, לייגט מען עס אינעווייניג. **"ואפילו הניחו על שולחנו דיו"**, אפילו מ'לייגט עס אויף די טיש, דיו.

אינטערעסאנט, די לשון איז דוקא ביי ימי הסכנה, ער זאגט נישט אז ביי יעדע שעת דוחק. טייטשט ער, ווען א מענטש האט נישט קיין פענסטער, ס'איז נישט קיין ימי הסכנה,

**ר' יצחק:** אבער ער האט אויך נישט קיין וועג צו צינדן ביי די פענסטער.

**ר' יואל אשר:** סאו וואס טייטשט מען נר חנוכה בתוך ביתו, איז פשט אז מיט דעם קען מען אויך יוצא זיין די מצוה. מ'איז דאך בעצם פטור, יא? ס'איז טייטש אזוי, עוז ומיין סכנה מען פטור, ס'איז דאך נאר א מצוה דרבנן, מ'איז אינגאנצן פטור. אבער ס'איז דא א וועג עס צו טון די מצוה אינעווייניג אין די טיש, ס'איז נישט אזוי ווי עס נעמען א לעמאן אנשטאט אן עסטריג. ס'איז א מצוה,

**ר' יצחק:** דו טוסט די מצוה.

**הלכה ד (המשך) — זמן הדלקה, מקום הדלקה בפנים, און "בשעת הסכנה"**

**צייט vs. פלאץ — וואס איז מעכב?**

**ר' יצחק:** די צייט איז מעכב, ווייל ס'מוז זיין מענטשן, אבער דער פלאץ איז נישט מעכב.

**ר' יואל אשר:** יא, אבער אויב ער טוט עס שוין בתוך ביתו, איז דאך דאס זעלבע ווי ווען ס'איז שוין תכלה רגל מן השוק, קיינער גייט עס נישט זען. ווילסטו זאגן אפשר אז... סוף כל סוף וואס איז דער זמן, אז זמן איז אן עקסטערע זאך.

**ר' יצחק:** פאר דעם האט תוספות געזאגט אז...

**ר' יואל אשר:** אויב ער האט צוגעצינדן שפעטער,

**ר' יצחק:** קען מען נישט דערצינדן שפעטער. דער רמב"ם האט נישט דאס געזאגט, אבער ס'קען זיין אז...

**ר' יואל אשר:** אבער ס'איז דא דעמאלטס ווי ס'איז געשטאנען שוב אינו מדליק, האט געסאנען ווי האסט פארפאסט ווי די מצוה אינדרויסן.

**ר' יצחק:** וואס וועט מען פאר היינט? עטץ גייט עטץ צינדן אינעווייניג ווייל ס'איז שוין צו שפעט,

**ר' יואל אשר:** איך האב נישט געצינדן. זעסטו אז ס'איז נאך אלץ דא א מצוה פון צינדן? ניין, וואס איך מיין צו זאגן, וואס אונז זעען דא איז אז די מצוה פון צינדן איז נישט די פרסומי ניסא, איז די גאנצע מצוה. נאר די פרסומי ניסא איז א תנאי אין די מצוה. ניין, ניין,

**ר' יצחק:** פרסום מיינט נישט דוקא אז די גאס זאל זען. א חנוכה לעכט קומט אריגינעל אינדרויסן. אויב ס'איז א טאג, א צייט וואס מ'קען נישט, וועט מען עס אינעווייניגס אויך. ס'איזביידע אזא פרסום,

**ר' יואל אשר:** ס'איז פרסום אין ספרים. פרסום איז ספרים אין ספרים שטאט קיין מענטשן. אבער אויב מ'נעמט אויך דארף צו נאך די זמן,

**ר' יצחק:** ווייל אזוי האסטו כאטש געגוצט, ווייל אזוי טאקע טון אונז. אבער ווען די צייט... ווייל אין די נארמאלע צייט איז נישט דא קיין חנוכה לעכט אינדערהיים, ס'איז דא חנוכה לעכט אינדרויסן. חנוכה לעכט איז דארט וואו מ'צינדט, עבר זמנה איז שוין נישט דא. וואס גייט דאך מאכן עפעס א נייע זאך? א נייע זאך מאכן, ווען מ'קען נישט אינדרויסן מאכט מען א נייע זאך. דו קענסט נישט מאכן אז יעדער יאר זאל אים זאגן, ווייל... פארשטייסט וואס איך זאג? ס'איז דא א נארמאלע צייט.

**"סכנה" — וואס מיינט דער באגריף?**

**ר' יצחק:** ער ברענגט אן

**ר' יואל אשר:** אינטערעסאנטע ראיה אז סכנה מיינט נישט ממש א גרויסע סכנה, און פאר דעם טאקע קען מען זיך מקיל זיין סתם אזוי ווי מ'האט נישט קיין פענסטער נאנט צו די שולחניות. ער ברענגט אז אין מגילת תענית שטייט ומתיירא מן הליצים. ס'מיינט נישט מ'האט מורא פון נאציס. מ'האט מורא, איך ווייס, גוים גייען דיך אויסלאכן, איך ווייס נישט וואס, וואטעווער וואס איז.

**ר' יצחק:** די אלע זאכן, נישט קיין חילוק,

**ר' יואל אשר:** אבער בקיצור, סכנה מיינט נישט ממש סכנה סכנה. ממילא קען מען מצדיק זיין די אלע אידן וואס צינדן אינעווייניג סתם אזוי.

**ר' יצחק:** סכנה מיינט נישט פיקוח נפש. אויב ס'איז פיקוח נפש, וואלט מען זיך נישט געזוכט קיין עצה.

**ר' יואל אשר:** אינטערעסאנט די לשון "מתיירא מן העכו"ם".

**ר' יצחק:** ס'איז נישט קיין גוטע דיוק. אקעי, לאמיר גיין ווייטער, ס'איז נישט קיין גוטע דיוק. ווייל על הצד קען זיין אז מ'האט געשריבן א שיינע לשון, ס'מיינט יא נאציס, דו קענסט נישט וויסן.

**ר' יואל אשר:** ס'איז דאך אפילו ס'איז נישט צוגעגריימט די ווארט נאצים, אבער "לייצים" קען מיינען אז ס'איז א צייט ווען ס'איז שווער פאר אים צו צינדן אינדרויסן, ס'איז נישט קיין ממש סכנה. אקעי, ווייטער.

**הלכה ח – "וצריך להיות בתוך הבית נר אחר להשתמש לאורה"**

**דער רמב"ם'ס לשון און פשט**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"וצריך להיות בתוך הבית נר אחר להשתמש לאורה"**. ער האט אונז געזאגט פריער אז אסור להשתמש פון די נר פון חנוכה, ממילא זאל מען האבן נאך א לעכט, ס'זאל זיין קלאר.

**ר' יצחק:** יעצט, פריער האט מען גערעדט ווען מ'צינדט אינדרויסן, איז דאך נישט אזוי נוגע,

**ר' יואל אשר:** ער איז דאך נישט דארט,

**ר' יצחק:** ער איז דאך נישט דארט. יעצט זאגט דער רמב"ם, יעצט אז מ'צינדט אינעווייניג, צינדט מען דאך אייביג א לעכט אין שטוב ביינאכט.

**ר' יואל אשר:** ניין, ניין, ניין. ווען דו צינדסט אינעווייניג, וועסטו דאך קומען צו משמש זיין. יעצט, דארט נוצט מען נארמאל. א נישט ריכטיג, איך האב שוין היינט געצינדן א לעכט, איך דארף נישט צינדן נאך א לעכט פאר מיין שבת לעכט וכדומה.

**ר' יצחק:** ער זאגט דאך א ספעציעלע הלכה. ניין, מ'מוז, נישט ווייל ס'איז נישט ניכר, ווייל ער גייט אונז צו דרייען. ס'שטייט נישט דאס, ווייל ער איז נישט אינדערהיים. ער איז דאך אינדערהיים, ער גייט זיצן דארט,

**ר' יואל אשר:** ער גייט זיך נישט אויסן, אזוי אז די אנדערע נר חנוכה זאל זיין נאר פאר חנוכה.

**ר' יצחק:** רייט.

**ר' יואל אשר:** ס'שטייט נישט קלאר די ווארט ניכר, אבער ס'איז זייער מעגליך.

**ר' יצחק:** ס'שטייט נישט דא ניכר. ס'שטייט אז ער זאל נישט עובר זיין אויף די איסור, אויב נישט גייט ער דאך ביי דיפאלט עובר זיין אויף די איסור, און ס'איז דאך לעכטיג אין שטוב. אבער דא זעסטו די מדורה, ריין?

**מדורה און אדם חשוב**

**ר' יואל אשר:** **"ואם היתה שם מדורה"**, אויב ס'איז דא דארטן א פייער אין די שטוב, **"אינו צריך נר אחר"**, ווייל ער האט עס שוין געגוג להשתמש לאורה. **"ואם אדם חשוב הוא שאין דרכו להשתמש למדורה"**, אויב ס'איז דא אן אדם חשוב וואס ער טייבט אן צינדן א לעכט, ס'ווייזט א געוויסע ברייטקייט, א געוויסע הרחבה, אז מ'צינדט אן א לעכט ווען מ'דארף, נישט מ'גייט לעבן די מדורה טשעקן זאכן. איז דעמאלטס צריך נר אחר, ווייל דעמאלטס איז ווייטער דא דער חשש אז ער גייט גיין זיך משתמש זיין מיט די נר חנוכה.

**ר' יצחק:** כאילו ביי אים, הגם אז ס'איז טעקניקלי דא א מדורה, ער איז דאך אזא מענטש וואס נוצט נישט די מדורה.

**ר' יואל אשר:** ווייל ער גייט גיין נוצן די נר חנוכה.

**ר' יצחק:** אדער אפשר ער נוצט עס, ס'הייסט אז ער נוצט זיך אוועק דארט, נוצט ער עס.

**ר' יואל אשר:** אדער וויאזוי איך האב געזאגט, אפשר איז פאר אים נישט ניכר, ווייל ער איז דאך א מין מענטש וואס האט אייביג אויך א לעכט אויסער די מדורה.

**ר' יצחק:** פארוואס איז איינגעפאלן צו

**ר' יואל אשר:** זאגן ניכר אויב פארשטייטס ווייל ס'איז אסור להשתמש לאורה?

**"על שלחנו" – וואו געווני צינדט מען אינעווייניג?**

**ר' יצחק:** און דו זיצסט דאך אינדערהיים. ס'איז על שלחנו, געדענק. די רמב"ם האט נישט איינגעפאלן די איידיע אז אינדערהיים זאל א מענטש לייגן ביי א טיר. דאס איז דאך א מין פורים זאך וואס... ביי א פענסטער... ניין, ביי א פענסטער איז...

**ר' יואל אשר:** מ'רעדט דאך ביי א סכנה קען מען נישט

**ר' יצחק:** לייגן ביי א פענסטער אויך נישט. נאכאמאל, א בעק פארטש? איך ווייס נישט וואס דו זאגסט. ביי א פענסטער מיינט... וואס דער... דאס קען מען נישט טון ביי א מענטש אויך נישט, פאר די זעלבע ריזען וואס מ'קען נישט אין גאס. סאו היינט קען מען יא, איך רעד נישט מיט די סכנה וואס די גמרא רעדט. נישט דערקענט. סאו, ממילא צינדט ער ווי? על שולחנו. על שולחנו מיינט אז ס'איז פארט פון זיין סעודה, אז דארט וואו ער צינדט לעכט יעדע נאכט, שבת צינדט ער די זעלבע פלאץ. ס'קומען איינגעפאלן שפעטער מענטשן אז מ'קען צינדן אינדערהיים ביי א טיר.

**ר' יואל אשר:** וואס איז דער רמ"א? ניין,

**ר' יצחק:** דער רמ"א זאגט מ'זאל צינדן ביי א טיר פון אינעווייניג, ווייל דער רמ"א'ס צייט איז נישט געווען ממש קיין סכנה, ס'איז נאר געווען שווערער, וואטעווער, ס'איז געווען קאלט,

**ר' יואל אשר:** וואטעווער די ריזען וואס ס'שטוט נישט אינדרויסן.

**ר' יצחק:** אוודאי, ווען ס'עפנט די טיר קען מען זען, ס'איז נישט ממש אינדרויסן. על פי הלכה דארף מען צינדן אינדרויסן, צינדט ער פון אינעווייניג. אקעי. אבער דאס וואס מענטשן טוען, ער צינדט סתם ביי די טיר פון זיין קיטשן איז פורים אין די וואכן, קיינער זאל עס נישט טון.

**צוויי לעווועלס פון קולא – "מבפנים" און "על שלחנו"**

**ר' יואל אשר:** אזשוין, מיינסטו זאגן אז די לשון פון די רמב"ם, מניח נר חנוכה בתוך ביתו מבפנים, מיינט דאס, אנשטאט צינדן מבחוץ צינדן מבפנים. און נאכדעם, ואפילו הניחו על שולחנו איז נאך א לעוועל פון קולא.

**ר' יצחק:** קען זיין, אזוי האט פארשטאנען דער טור, דעם מנהג וואס מ'האט געצינדט.

**ר' יואל אשר:** אבער מ'קען עס הערן אין די ווערטער, ווייל ס'איז דאך פשוט אז בתוך ביתו מיינט אייביג מבפנים.

**ר' יצחק:** אפשר אפילו על שלחנו מיינט אז ער צינדט ממש דארט ווי מ'צינדט יעדן טאג, לעכט ער אויך יעצט. אבער על חילות, לאז ער לייגן אין אן אנדערע פלאץ, לייגט ער עס אויף עפעס א שעלף, דארט ווי מ'צינדט נישט נארמאל.

**ר' יואל אשר:** אפילו אין אייך על שלחנו מיינט ווען ס'איז נאך א גרעסערע, אדער ס'איז נאך א גרעסערע סכנה, אדער ווען ס'איז נאך שווערער די מבפנים. סאו די ערשטע זאך איז אזוי ווי צינד אן אין א פלאץ וואו דו קענסט קאנטראלן. אויב גייט אריבער א גוי, וועסטו שנעל צינדן.

**ר' יצחק:** אפשר. אבער אזוי איז זיכער געווען דער מנהג. דער מנהג פון טור און רמ"א איז געווען דער מנהג. יא.

**דיסקוסיע: דער ענין פון צינדן אינעווייניג ביי א טיר**

**ר' יואל אשר:** וואס איז יא דער ענין פון צינדן אינעווייניג ביי א טיר?

**ר' יצחק:** ס'איז נישט קיין ענין. ס'איז פורים פון מענטשן וואס זענען עם הארצים וואס

**ר' יואל אשר:** שטיצן זיך מיט זיך. איך האק נישט אפ גאנץ אפ יעדן איינעם אויסער דיר. מסתמא איז דא די וואס האבן געשריבן עפעס הסברים. אבער די מקובלים האבן געזאגט אז

**ר' יצחק:** ס'שטייט א רמז אויף די טיר. די חכם, דער רמז איז אויף יענע טיר וואס מ'צינדט על פי הלכה.

**ר' יואל אשר:** דאס איז אן עם הארצות אז מ'האט עפעס אן ענין פון די מזוזה, סאו אפשר וויל מען אויך דארט לייגן לעבן די מזוזה. דער ענין איז דא די מזוזה ווען מ'קומט אריין,

**ר' יצחק:** ס'איז נישט קיין ענין וואס צינדט ביי א מזוזה אין די וועלט אריין. ווייל ס'איז דא א טיר,

**ר' יואל אשר:** איך פארשטיי. ניין,

### דער מקור פון דעם מנהג — קבלה און עם הארצות

**ר' יצחק:** נישט אמת. ס'איז געקומען פון מענטשן וואס האבן געלערנט אין כוונות, קבלה, ס'שטייט אין די קבלה... איך וויל דיר זאגן פון וואו ס'קומט ריאליסטיקלי אין דער היסטוריה. ס'קומען פון מענטשן זענען עם הארצים. מ'זאגט אזוי ווי אסאך זאכן וואס מ'טוט על פי קבלה, וואס קומט פון נישט פארשטיין, נישט די הלכה און נישט די קבלה. אין קבלה שטייט גרויסע סודות און רמזים אויף די פתח בית. פארוואס? ווייל די קבלה איז מפרש די גמרא, און אויך די מקובלים האבן זיך געפירט אזוי ווי דער מנהג פון די רמזים האבן געצינדן ביים טיר, אבער אינעווייניג, אבער ווען מ'האט געצינדן ביי א טיר, איז דאך אלץ דא דער ענין פון א טיר. זאגט ער, פשטים, סודות אויף די טיר. זייער פיין. תודה. אבער דו וואס טינסט נישט דעם, און דו טינסט סתם בעפעס אינעווייניג, און דו זאגסט אז על פי קבלה איז דא א רמז, דער רמז איז נישט אויף... זאג נישט דאס, דו כאפסט, סתם אמרצות. דער רמז זאגט נישט אז ממילא זאל מען טון. דער רמז זאגט אז ווען... דער רמז איז אויף די הלכה פון די טיר וואס גייט פועל'ן רשות רבים. דער רמז איז נישט אויף א טיר אין דיין קיטשן, אדער א רבי, ער צינדט אין בית המדרש, אבער ער שטעלט אויף עפעס א שער. ער מאכט פורים אין די וואכן, במחילת כבודו זאל עס נישט טון.

**ר' יואל אשר:** דער רבי איז דאך יוצא געהעריג, ווייל ער מאכט עס מיט רוסע

**ר' יצחק:** פון פסחים און נחת. או פראבלעם, זייער שיין, אזוי ווי מ'צינדט אין בית המדרש, מ'קען עס צינדן אויף א טיש. נאו פראבלעם. פארוואס מאכט ער פורים פון די אידישקייט?

### מלמד זכות — ניכר און זכר פון די אריגינעלע מצוה

**ר' יואל אשר:** ס'איז דערמאנען אז די ארידזשינעל הלכה איז ביי די טיר, און יעצט איז עס נאר אבער די עבד פון בשעת הסכנה אדער בשעת הצורך, ממילא טוט מען עס ענליך צו די ארידזשינעל מצוה, אז מ'זאל געדענקען די מצוה פון לייגן ביי די טיר.

**ר' יצחק:** איך מיין אז ס'מאכט פורים פון אידישקייט. ס'לערנט אויס פאר מענטשן אז אלעס איז רענדאם מעדזשיק, צינדט עפעס א טיר אין די וועלט אריין. ער האלט נישט דערפון. איך מיין אז ס'איז פלעינער טעות. ס'איז נשתלשל געווארן פון דעם וואס מ'צינדט ביים טיר פון די הויז. מענטשן האבן נישט געכאפט אז די טיר פון די הויז איז א פלאץ וואס מ'קען אביסל זען, ראשון ס'איז רבים, אדער ס'איז למעשה ביי די טיר, און דו צינדסט סתם ביי די טיר פון דיין קיטשן. ס'איז א פלעינע טעות לפי דעתו.

**ר' יואל אשר:** ווען דו צינדסט פון אינעווייניג, איז אויכעט, ווען דו מאכסט עס פראקטיש, זאגסטו אזוי: מאי סכנה, האסט מורא גוים וועלן אריבערגיין, און דו צינדסט פון אינעווייניג, און אזוי קענסטו קאנטראלן די טיר. ווייל דו זעסט אידן דרייען זיך, עפנסטו די טיר. ווען גוים דרייען זיך, געסטו אויף א פארמאכן די טיר. מאכט עס סענס. אבער אז דו צינדסט פון אינעווייניג, און ס'איז נישט דא קיין אפענע טיר, און ס'איז נישט קיין חילוק צו דו צינדסט ביי די טיר אדער... סאו וואס איז די אויפטו פון אים?

**ר' יצחק:** ער צינדט אין א פראנט טיר.

**ר' יואל אשר:** וואס איז די שאלה? ס'טוישט זיך נישט קיין סאך לגבי מאי הסכנה. סאו... די מאי הסכנה... איך האב פארשטאנען אז ס'איז יא דא א טיר. מ'קען צומאכן און אויפמאכן די טיר.

**ר' יצחק:** רבינו, בשעת סכנה צינדט מען בכלל נישט. און זיי רעדן נאך פון די...

**ר' יואל אשר:** ווי מאי הסכנה,

**ר' יצחק:** נישט בשעת סכנה.

**ר' יואל אשר:** ווי מאי הסכנה, נישט בשעת סכנה. די מאי הסכנה מיינט צייטן ווען מ'האט מורא פון סכנות.

**ר' יצחק:** די סכנה וואס שטייט אין די גמרא רעדן אונז נישט יעצט. אונז רעדן יעצט פון די סכנה וואס די מנהג ישראל... לעצטע טויזנט יאר אז מ'צינדט אינעווייניג, אפילו ווען ס'איז נישט די סכנה פון די גמרא. און א חלק אידן האבן זיך געפירט צו צינדן ביי די טיר אינעווייניג, נישט ווייל ס'גייט קומען גוים דארפן מאכן, נאר ווייבאלד אז מ'צינדט נישט אינדרויסן, ווייל אזוי איז שוין דער מנהג, פאר עטיוועד ריזען, אויב ער וויל דאך יא צינדן עליסט אביסל, צינדט ער ביים טיר. הגם א הלכה דארף מען צינדן אינדרויסן, נעבן די טיר, ער צינדט אינעווייניג נעבן די טיר, אבער נעבן די טיר פון די רשות הרבים. דאס שטייט אין די פסקים, יש קצת הכר, קצת, די טיר איז אפן אוודאי, נישט די טיר איז פארמאכט. אפשר האלט עס נישט א גאנצע צייט אפן, אפשר איז עס אביסל אפן, וואטעווער. דאס איז דער מנהג הפסקים, אבער ס'איז נישט דא קיין שום מנהג צו צינדן ביי א טיר.

**ר' יואל אשר:** ס'קען זיין אז דאס איז אויך העלפט די טיר, אזוי איז עס זייער ניכר אז ס'איז נישט קיין לעכט וואס ליגט סתם אויף די קאונטער. ס'איז דאך מיט א משונה'דיגע זאך, ס'איז דאך ביי א פלאץ וואו מ'צינדט נישט געוועגליך, ס'מאכט נישט קיין סענס צו צינדן ביי די טיר. אזוי געדענקט מען אז ס'איז אן עקסטערע מין נר. נו נו. קען עס מסביר זיין אויב וויל מען מלמד זכות זיין אויף אידן.

**ר' יצחק:** שוין. איך וויל אבער נישט.

**ר' יואל אשר:** איך וויל מלמד זכות

**ר' יצחק:** זיין אויף די תורה. איך וויל מלמד זכות זיין אויף די תורה. ס'איז נישט קיין ענין איד.

**ר' יואל אשר:** ס'איז געווארט אז יעדע זאך איז עפעס רעדאם מעדזשיק, ס'מאכט שוין קיין סענס. איך האב דאס נישט ליב. שוין.

### הלכה ט — גדול הבית צינדט פאר אלעמען

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, הלכה ט'. זאגט דער רמב"ם אזוי: דער רמב"ם האט פריער משמיע געווען אז דער גדול הבית איז דער וואס צינדט פאר יעדן איינעם.

### הלכה ט (המשך) — חרש שוטה וקטן / גוי האט אנגעצונדן

**ר' יואל אשר:** אדער... א נר חנכה וואס האט חרש שוטה וקטן, אדער גוי האט אנגעצינדן לא עשה כלום, ווייל ער איז נישט מחויב דערין. און מ'איז נישט מחויב, און מ'איז נישט מוצא, ס'הייסט נישט קיין נר חנכה. עד שידליקו מי שהוא חייב בהדלקה.

דער חידוש דא איז לכאורה אז אפילו... אפשר אז די פרסומי ניסן איז נישט... אויב וואלט די גאנצע זאך געווען א פרסומי ניסן, וואלט נישט אנגעגאנגען ווערט עס אנגעצונדן. למעשה זעט יעדער איינער ביים טיר איז דא אן אנגעצונדענע מנורה.

**ר' יצחק:** דאס הייסט די גמרא הדלקה עושה מצוה. ס'איז דא א מצוה, די הדלקה אליינס איז א מצוה, ממילא דארף עס זיין

**ר' יואל אשר:** אזוי ווי יעדע מצוה דארף זיין א בר-חיובא וואס טוט די הדלקה. די זעלבע זאך,

**ר' יצחק:** פון די זעלבע הלכה. אלע הלכות קומען ארויס פון די זעלבע כלל, פון דעם וואס דער רבי האט אים צוזאמגעלייגט.

**ר' יואל אשר:** אונז האבן שוין אויך פריער געהאט הדלקה עושה מצוה, אז אויב ס'לעשט זיך אויס קען מען עס נישט קלאר.

**ר' יצחק:** ס'איז נישט קלאר אז ס'איז ממש תלוי אין דעם,

**הלכה ט (המשך) — הדליק בפנים והוציאו**

**ר' יואל אשר:** אבער יא. אויב ער האט אנגעצינדן די נר חנוכה אינעווייניג אין די שטוב, והוציאו האט עס ארויסגעלייגט,

**ר' יצחק:** ער האט עס ארויסגעשלעפט, דלוק,

**ר' יואל אשר:** דאס הייסט ער האלט על פתח ביתו, והניחו על פתח ביתו לא עשה כלום עד שידליקנו במקומו, ווייל די גאנצע פוינט איז אז מ'זאל עס אנצינדן דארטן וואו ס'איז די מצוה.

**ר' יצחק:** ווייל די מצוה טוט מען בשעת די פעולה פון אנצינדן כאילו, ממילא מוז עס שוין זיין אין די ריכטיגע פלאץ, ווייל דארט איז די... דא זעט מען ווייטער אז דער מקום איז מעכב, און אין די צייט וואס ס'איז נישט קיין סכנה קענסטו נישט זאגן לי האי, איך האב געצינדן בפנים. ס'ארבעט נישט, פארשטייסט? נאך א ראיה פאר די חירות פון חירות.

**הלכה ט (המשך) — אדם שעמד בנר חנוכה בידו**

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם זאגט, אויב ס'וועט אנפאלן א מענטש אז ער גייט גאר גאר שטארק נחמה זיין, ער גייט אליין זיין אין די מנורה, ער שטייט מיט די לעכט אין די הענט, ער וויל ווערן די חפץ של מצוה, לא עשה כלום, האט ער גארנישט געטון. וואס? ווייל א מענטש זעט איינער שטיין מיט א לעכט, טראכט ער נישט אז ער צינדט אן פארקערט, ער טראכט אז ער גייט ערגעץ און ער נעמט מיט א לעכט, שהרואה אומר לצרכו הוא עומד.

**ר' יצחק:** ס'קען זיין א נפקא מינה אויב איינער איז אין עפעס א פלאץ וואו ער האט נישט וואו צו לייגן די מנורה בקיצור.

**ר' יואל אשר:** ס'קען זיין אז היינטיגע צייטן איז דאך נישט דא קיין, קיינער דרייט זיך שוין ארום מיט א לעכט, ס'איז דא פלעשלייטס, און אפשר היינט וועט זיין אנדערש. אבער דער רמב"ם זאגט דאך די הלכה אז ווען מ'זעט איינער מיט א לעכט איז נישט ניכר אז ס'איז לשם מצוה.

**הלכה ט (המשך) — עששית שהיתה דולקת כל היום / מוצאי שבת חנוכה**

דאס איז דער רמב"ם ווייטער, עששית, עששית, דאס איז א לאמפ, מיט ארומגענומען מיט א גלאז. שהיתה דולקת כל היום כולו.

**ר' יצחק:** בקיצור, ס'איז געווען שבת, און ער האט אנגעצונדן א לעכטל זיין שבת לעכטיג אין שטוב,

**ר' יואל אשר:** אויך פארשידענעס. איז למוצאי שבת... מוצאי שבת חנוכה דארף מען יעצט צינדן נייע לעכט פאר די נאכט פון מוצאי שבת חנוכה, מוצאי שבת מכבה. קען ער עס אויסלעשן?

**ר' יצחק:** נישט ער קען עס לאזן, ער קען עס נישט זאגן.

**ר' יואל אשר:** ער קען נישט נעמען די לעכט און עס לייגן אויפ'ן פלאץ.

**ר' יצחק:** אדער סתם אז אפשר ליגט שוין אין די ריכטיגע פלאץ, זאגן עס שטייט שוין און עס שוין גוט. ניין, ער דארף עס אויסלעשן,

**ר' יואל אשר:** ומברך ומדליקה. פארוואס? שההדלקה היא המצוה לא ההנחה. די הדלקה איז די מצוה און נישט די הנחה.

**ר' יצחק:** דאס איז די סיבה מיין איך פון די אלע דריי הלכות,

**שייכות צו סוכה — תעשה ולא מן העשוי**

**ר' יואל אשר:** נישט נאר פון די הלכה. דא האב איך דא פארוואס אונז לערנען הלכות חנוכה ערב סוכות, ווייל דא איז ביי א סוכה וואלט אזא זאך געווען תעשה ולא מן העשוי. דא איז אן אנדערע זאך פון הדלקה עושה מצוה.

**ר' יצחק:** יא, אבער ס'איז ענליך טאקע, מ'דארף מאכן. אלע מצוות, ס'דארף אסאך זאכן. מצוות דארפן טון,

**ר' יואל אשר:** נישט ס'זאל זיין געטון.

**הלכה י — מותר להדליק נר חנוכה מנר חנוכה אחר**

ומותר להדליק נר חנוכה מנר חנוכה אחר. מ'קען יא אנצינדן איין נר חנוכה פון די אנדערע. הגם וואס מיר האבן געלערנט פריער אז מ'טאר זיך נישט משתמש זיין מיט נר חנוכה, משתמש זיין מיינט פאר דיין נידס, אבער אנצינדן די אנדערע נר חנוכה איז דאך מעושה ענין פון מצות נר חנוכה.

**ר' יצחק:** רייט. און דאס האט עפעס אויך צוטון מיט די נושא פון הדלקה עושה מצוה? נישט קלאר פארוואס, אבער אזוי שטייט אין די גמרא, יא.

**ר' יואל אשר:** אה, ווייל ס'וואלט ווען נישט געווען הדלקה עושה מצוה, נאר נאך עושה מצוה, וואלט די הדלקה נאר געווען א טעכנישע זאך וויאזוי ס'זאל ווערן אנגעצינדן. אבער אויב די הדלקה עושה מצוה, איז פשט אז ווען די הדלקה איז אן

**ר' יצחק:** דעמאלטס טוט עס די מצוה.

**דיסקוסיע: לערנען לאור הנר חנוכה**

**ר' יואל אשר:** סאו די שאלה איז דא, איז דאס א דין לכאורה נאר אין נר חנוכה? ס'טייטשט, לערנען לאור הנר חנכה וועט זיין אסור, ווייל ס'איז נישט פשט אזוי ווייל א מצוה מעג מען טון. ס'קען זיין למשל זינגען אדער זאגן די תפלות פון די חנכה וועט יא הייסן, ווייל ס'איז מענין, מ'קען לערנען... וואס?

**ר' יצחק:** א גוטער וש. איך הער. איך ווייס נישט. ניין, אפשר א מצוה אליינס, נישט קלאר.

**ר' יואל אשר:** איך זאג סתם לערנען, עניטינג וואס מ'לערנט איז א שיינע זאך, אבער ס'האט נישט קיין שייכות מיט הדלקת נר חנוכה.

**ר' יצחק:** אבער למשל זאגן די ברכה לאור הנר,

**ר' יואל אשר:** וועט זיין דאס אליין אויף די...

**ר' יצחק:** די ברכה קען מען נישט, ווייל מ'דארף מאכן פאר די הדלקה. ניין, נישט, פאר די נעקסטע,

**ר' יואל אשר:** וואטעווער, צינד די נעקסטע.

**רמ"א'ס שיטה — אנצינדן א נר צו לערנען**

**ר' יצחק:** ער ברענגט אז ס'איז דא א מחלוקת פון די ראשונים צו מ'מעג צינדן א

**ר' יואל אשר:** שבת לעכט פון א חנוכה לעכט,

**ר' יצחק:** אויך א מצוה. איז די שאלה צו מוז זיין די מצוה אדער ס'מוז זיין יענע מצוה? ער ברענגט אז דער רמ"א זאגט אז מ'זאל נישט צינדן די צווייטע לעכט פון די ערשטע לעכט, גייט עס צוריק צו די קורא פון די מהדרין, ווייל די צווייטע לעכט איז דאך נאר א הידור, און די ערשטע לעכט איז דאך ממש די מצוה, ממילא איז עס שוואכער. און ס'איז דא נאך, ער ברענגט אז דאס וואס ער האט געזאגט פריער, און דער רמ"א זאגט טאקע, אפילו... אקעי, דא רעדט מען נישט פון להשתמש לאורה, דא רעדט מען פון משתמש זיין מיט די נר, אנצינדן פון דעם א צווייטע.

**ר' יואל אשר:** דער רמ"א זאגט אז מען מעג אפילו אנצינדן סתם א נר אויף צו לערנען פון די נר חנוכה, ווייל דאס איז אויך א מצוה. אינטערעסאנט. אבער דער רמב"ם...

**ראב"ד — אפילו על ידי קיסם**

**ר' יצחק:** אקעי, דער רמב"ם זאגט נישט מער. ס'איז דא אן אינטרעסאנטע זאך, אז דער ראב"ד גייט א זאג אז דאס וואס הייסט "מדליק נר מנר" מיינט אפילו על ידי קיסם. ס'הייסט, נישט אז מען צינדט דירעקט.

**ר' יואל אשר:** נאר מען נעמט א... אויף דעם האט ער זיך געזארגט, ווייל פשט אז דו טוסט נישט א מצוה יעצט מיט'ן אנצינדן.

**ר' יצחק:** ווען דו נעמסט די נייע פלאם... דער רמב"ם איז נישט קלאר צו ער איז מסכים מיט די אלע פאלן. אין די גמרא זעט מען אז ס'איז תלוי אין וויאזוי מ'פארשטייט דעם,

**ר' יואל אשר:** איז קען זיין אז ס'איז נישט. אבער פון דעם אז דאס האט אויך צוגעטון מיט די הדלקה עושה מצוה איז משמע נישט ווי דער רמ"א. ווייל אפילו אויב איך עושה מצוה, טוסטו אבער די מעשה המצוה,

**ר' יצחק:** נישט וויניגער ווען דו צינדסט אן נר השבת אדער נר של חולה. נישט קלאר. רייט. סאו וועגן דעם זאגט דער מגיד משנה אז

**ר' יואל אשר:** על ידי קיסם אויך איז נישט גוט,

**ר' יצחק:** ווייל די אנצינדן די קיסם איז נישט קיין אליין א מעשה מצוה. ס'איז נאר א הכנה פאר די נעקסטע מצוה,

**ר' יואל אשר:** פאר די נעקסטע לעכט, וואטעווער.

#### הלכה יא — חצר שיש לה שני פתחים בשתי רוחות

**ר' יצחק:** זאגט דער רמב"ם ווייטער. זייער אינטערעסאנטע חקירה. מ'דארף לערנען וועגן דעם מער חנוכה,

**ר' יואל אשר:** אבער מיר האבן געלערנט וואס דער רמב"ם זאגט. זאגט דער רמב"ם,

**ר' יצחק:** "חצר שיש לה שני פתחים בשתי רוחות". אה, דער רמב"ם זאגט נישט ביי אונז,

**ר' יואל אשר:** "שיש לה שני פתחים". אינטערעסאנט. נישט יעדער חצר איז אפן צו א מבוי.

**ר' יצחק:** ס'קען זיין אז דאס איז א חצר וואס איז אפן לרשות הרבים. יא, איך זאג, אבער מ'האט אים פריער געפרעגט צו מ'צינדט ביי די חצר און ביי די מבוי.

**ר' יואל אשר:** דאס איז איינע פון די אורייתא אז מ'צינדט ביי די חצר. "חצר שיש לה שני פתחים בשתי רוחות".

**ר' יצחק:** צריכה שני נרות, פארוואס? שלא יאמרו העוברים ברוח זו לא הניחו נר חנוכה. דאס הייסט, א מענטש וועט דאך גיין, ער וועט זען דא וואוינט א איד און ס'איז נישט דא קיין חנוכה לעכט. ער וועט נישט טראכטן, "איי, ער האט געצינדן אויף די אנדערע זייט." אפשר ווייסט ער נישט אז ס'איז דא אן אנדערע זייט, וכדומה.

**ר' יואל אשר:** און ס'איז דא אפילו א פסוק אויף דעם, "ולא יאמרו העוברים ברכת ה' אליכם ברכנו אתכם בשם ה'". ס'איז נישט קיין שייכות.

**ר' יצחק:** ער זאגט א פסוק אין תהלים,

**ר' יואל אשר:** "ולא יאמרו העוברים ברכת ה' אליכם". איך ווייס נישט, איך געדענק נישט.

#### חידוש — פרסומי ניסא האט אויך א "שלילי" / איסור-זייט

אבער וואס איז די פשט? ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל דאס איז א נייע זאך וואס זיי האבן נישט געזען ביז יעצט. זיי האבן געזען יעצט אז ס'איז דא א מצוה פון פרסומי ניסא באופן חיובי. אבער צו זאגן אויך אז ס'איז א בזיון אז מ'זעט נישט א נר חנוכה, איז זייער אינטערעסאנט. דא זעט מען אז די פרסומי ניסא איז אסאך שטערקער. די פרסומי ניסא האלט אין זיך אויך אן איסור אזוי, פארשטייסט וואס איך זאג? וואס איז נישט פרסומי ניסא איז נאר חיובי,

**ר' יצחק:** און אויב איז נישט דא פרסומי ניסא טויג עס נישט.

**ר' יואל אשר:** איך האב נישט געטראכט אין דעם אז ס'האט פרסומי ניסא, איך האב נישט געטראכט אין דעם אז ס'האט פרסומי ניסא. איך האב געמיינט פון א חשד, איך האב געזאגט אז די מצוה איז פרסומי ניסא, און אין דעם איז אויך דא אן איסור פון ביטול פרסומי ניסא.

#### שייכות צו חשד / מראית עין

אבער איך זאג פשוט טייטש לערנט מען אז מ'האט פרסומי ניסא אזוי ווי אן עובר לעבן בית המדרש בשעת ס'איז א תפילה. אלע אידן טוען עפעס, ס'איז א גרויסע ענין, מ'דארף זיי וויסן. למשל, איך דארף טראכטן, אסאך מאל גיי איך אין בית המדרש און איך האלט נישט ביים דאווענען דעמאלטס,

**ר' יצחק:** סאו איך דאווען נישט. ס'איז א פראבלעם. ניין, מענטשן זענען נישט חושד,

**ר' יואל אשר:** מענטשן זענען נישט זיכער אז דו ביסט עוסק בשעה של עולם.

**ר' יצחק:** דו זאלסט מאכן א הכנה לתפלה, נאך תפלה, וואטעווער, איך קער. אבער, ער קען זיין אז ס'איז דא

**ר' יואל אשר:** א נושא פון פני החשד, און מ'דארף מאכן זיכער אז ס'זאל נישט זיין אזא זאך. די זעלבע זאך, א מענטש גייט חנכה און ער זעט, אה, יעדער שעה איז אן א חנכה, ער זאגט, אה, און מסתמא איז דא א חסידישער איד

**ר' יצחק:** וואס ווייסט נישט אז מ'דארף צינדן אינדרויסן, ער צינדט אינעווייניג ביי א טיר. אקעי,

**ר' יואל אשר:** אפשר היינט ער טאקע נישט נוגע.

#### דיסקוסיע: דער חושד vs. דער נחשד

**ר' יצחק:** ווייל אויך דא, דער מענטש וואס איז חושד, ער דארף ארבעטן אויף זיינע מידות, ער דארף דאך תשובה טון, יא? ווייל ער זעט דאך אז ס'איז א הויז וואס האט זייטן. ער וואלט דאך געוואן געקענט זען אז די אנדערע זייט איז דא. אבער ער איז דזשאדזשט דא. רוח אחת איז נישט קיין פראבלעם. אקעי, ווייל מ'זעט גלייך. אבער דער מענטש וואלט דאך געדארפט טראכטן, ס'איז דאך דא נאך טירן. ער זעט דא א גרויסע הויז,

**ר' יואל אשר:** פארוואס דזשאדזשט ער דאס שנעל?

**ר' יצחק:** אמת, אבער דא זעט מען אז ס'איז אמת, מצד די חושד דארף מען טאקע דאס טון, אבער מצד די נחשד דארף מען זען צו מאכן אז ס'זאל נישט זיין קיין חשד.

#### נפקא מינה: מערערע הייזער

**ר' יואל אשר:** ס'איז זייער אינטערעסאנט, אויך בכלל די הלכה איז זייער אינטערעסאנט, ווייל וואס טוט זיך א מענטש האט מערערע הייזער? יא, היינט איז אייך מציאות, א מענטש האט מערערע הייזער. וועלן מיר זאגן אז אין יעדע הויז וואס ער האט, דארף ער אנצינדן נרות חנוכה וועגן די חשד?

**ר' יצחק:** אפשר טאקע. קען נישט זיין.

**ר' יואל אשר:** אקעי, א גרויסע חומרא. רבותי, ס'איז דא א צייט צו זאגן אז די אלע אידן... איך האף אז ווי מער פון מיינע צוהערערס האבן הייזער אין די מאונטענס און אין פלארידע און אין ארץ ישראל און אזוי ווייטער איבער די וועלט, איז משום חשד.

**ר' יצחק:** ניין,

**ר' יואל אשר:** ס'קומט אן ענדע. מענטשן ווייסן אז ס'איז ליידיג.

**ר' יצחק:** א חצר מיינט א פלאץ וואו מענטשן וואוינען.

**ר' יואל אשר:** אה, רייט. מ'זעט די חצר איז האסטלינג, מ'זעט אז ס'טוט זיך אינעווייניג, אבער ביי די טיר זעט מען נישט קיין נר חנוכה.

**ר' יצחק:** אקעי. אבער עניוועי, מ'טאר מיינען אז ס'זעט יא אויס.

#### צייט-פאקטאר ביי חשד

**ר' יואל אשר:** איך האב דא אז די חשדים סתם אויכעט תלוי אין דעם אז ס'איז דא א געוויסע ספעציפישע האלבע שעה אדער דריי פערטל שעה ווען יעדער צינדט. איינמאל ס'איז דא די היתר פון היינט אז ווייל די תכלה רגל מן השוק געשעט שפעטער, קען ער טראכטן ער גייט צינדן שפעטער, ער האט שוין געצינדן פריער. אויב ס'איז דא א געוויסע האלבע שעה, וואס אויב דעמאלטס ברענט עס נישט, איז פשט אז ס'ברענט נישט.

#### ענין פון לעכט ביי יעדע אידישע טיר

**ר' יצחק:** איך טראכט ווען לחנוכה, ס'קען זיין נישט יעדע זאך זעט מען אז מ'טוט מיט חשדים. ווי מער לעכט. ווייסטו, מ'צינדט שוין נאך א לעכט אויף

די אנדערע זייט אויך? ס'איז דאך דא אן ענין אז יעדע אידישע הויז, יעדע אידישע טיר זאל זיין א לעכט,

**שייכות צו "לצים" און קלע סכנה**

**ר' יואל אשר:** פארשטייסט? ס'קען זיין אז ס'איז דא די לשון וואס ער האט געברענגט פון לצים, אז היות אז ס'איז עפעס וואס מ'האט זיך גרינג מקיל געווען פון נישט קיין גרויסע סכנה, נאר סתם ווען ס'איז דא קריטיקירערס, ווען ס'איז נישט די פראבלעם, זאל מען נישט טראכטן, איך ווייס נישט, פארשטייטס וואס איך זאג? ווייל די חשד איז ריעל. ווייל מ'האט זיך אזוי גרינג מקבל געווען פון א סכנה, וועט א מענטש גרינג טראכטן אז דער מענטש איז נישט מהדר אויף די מצוה פון להדליק בפתח ביתו. אקעי, ווייטער, וואס טוט זיך יעצט?

**הלכה י (המשך) – מי שאינו בביתו / אורח**

**ר' יצחק:** אה, קוק וואס ער זאגט.

**ר' יואל אשר:** א מענטש איז נישט פאר, מ'איז אונטערוועגנס. און אינדערהיים זיינע בני בית זענען אינדערהיים.

**ר' יצחק:** מען צינדט. **מדליקין עליו בתוך ביתו.** זיין הויז צינדט פאר אים.

**ר' יואל אשר:** מען צינדט פאר זיינעצוועגן. **אינו צריך להדליק עליו במקום שנתארח בו,** דארף מען נישט אנצינדן פאר אים אין די פלאץ וואו ער שטייט איין. ס'איז אינטערעסאנט. וואס מיינט דאס? אז אויך די הידור וואס דער רמב"ם האט געזאגט, מען צינדט אן פאר יעדן פון די אנדערע בית, מיינט דאך נאר פאר די מענטשן וואס באלאנגען דא.

**ר' יצחק:** ניין.

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם האט נישט געהאט.

**ביאור "מדליקין עליו"**

**ר' יצחק:** מדליקין עליו מיינט אבער נישט יענץ. מדליקין עליו מיינט אז...

**ר' יואל אשר:** בכל אחד ואחד.

**ר' יצחק:** יא, אבער דאס מיינט נישט מדליקין עליו. מדליקין עליו מיינט נישט דער הידור, ער מיינט דער עיקר הדין. מדליקין עליו מיינט, סאמהאו, אז ווען מ'צינדט לעכט, דארף כאילו יעדער יוצא זיין, ס'דארף באלאנגען פאר די גאנצע בית. וויאזוי פונקטליך איז יעדער פון די בני בית פארט אויף מיר? איך ווייס נישט, באלד וועט מען זען ביי אן אורח, אבער נארמאלע הויז איז דאך איין בני בית, ס'איז דאך איין שטוב, ווייל מ'צינדט, מ'נעמט לעכט, מ'נעמט אויל פון די שטוב, צינדט יעדער. סאו, ביי דיך, מ'טוט שוין, דיין אויל ברענט שוין, ביי דיך אנדרייען, דא דארף מען נישט.

אבער קוק וואס ער זאגט, **אין לו בית להדליק עליו בו.**

**ר' יואל אשר:** טאמער... אין לו בית להדליק עליו בו, קיינער צינדט נישט, ער האט נישט קיין מענטשן געבליבן אינדערהיים, ער איז אן אורח.

**דין משתתף בשמן**

**ר' יצחק:** ער באלאנגט נישט צו די בית. וויאזוי קענסטו יוצא זיין מיט די בית? ממילא איז דא אן עצה, **ומשתתף עמהם בשמן.** דו געסט זייער פרוטה, ער איז סאמהאו יוצא מיט זייער שמן, ווייל דו באלאנגסט נישט צו די הויז.

**ר' יואל אשר:** סאו די הויז וואו ער שטייט אריין, אפילו לאמיר זאגן דער מענטש צינדט דארטן אן פאר יעדן איינעם פון די בני הבית, אבער דער אורח איז דאך נישט פון די בני הבית. ס'איז נישט זיין לעכט, און דאס דארף מען עקסטערע אנצינדן וועט זיין געלט.

**ר' יצחק:** ער איז משתתף בשמן, ער איז משתתף, נישט עקסטערע אנצינדן. אפשר אויב ער איז א מהדר דארף ער צינדן עקסטערע לעכט, אבער יעצט רעדט מען פון די עיקר הדין. די תירוץ איז, אדער לויט דער רמב"ם, אז אפילו דער מהדר צינדט דער בעל הבית פאר יעדן, ער געבט אים א פרוטה, ער קויפט אביסל שמן, סאו מיט דעם ווערט ער פארט פון די הדלקה.

**בית בפני עצמו – מפני העוברים**

**ר' יואל אשר:** וואס טוט זיך אזוי? **"ואם היה לו בית בפני עצמו"**, אויב דער אורח, דער פלאץ וואו ער איז יעצט, האט ער געדינגען א הויז, נישט ער שטייט איין ביי אים, נאר ער האט א בית בפני עצמו, **"אף על פי שמדליקין עליו בתוך ביתו"**, אפילו אויב זיין הויז דארטן וואו ער וואוינט געווענליך האט מען אנגעצינדן פאר אים, דארף ער אבער נאך אלץ אנצינדן אין די הויז וואו ער שטייט יעצט איין, **"מפני העוברים"**. פאר די זעלבע סיבה, אזוי ווי מיר האבן געלערנט וועגן די עוברים, וועגן חשד, מענטשן זאלן זען אז דא דרייט זיך א איד, ער צינדט נישט אן קיין חנוכה לעכט, און מענטשן ווייסן נישט אז מ'צינדט אן פאר אים בתוך ביתו.

**ר' יצחק:** רייט. סאו ס'איז ווייטער דאך חשד. דא זעסטו יא אז צוויי הייזער, דאס איז די עקזעמפל פון צוויי הייזער, ער האט שוין געצינדן ביי זיך אינדערהיים, אבער דא וואוינט ער. אה, זעסטו, אויב ער האט סתם א הויז אויף נישט, אבער דא וואוינט ער אויכעט, וועלן מענטשן זאגן, "זעסטו, ער האט נישט געצינדן חנוכה לעכט?" דארף ער צינדן חנוכה לעכט.

**דיגרעסיע: פארוואס זענען מענטשן אזוי חושד?**

**ר' יואל אשר:** ווי גייט זיין די הלכות אז מענטשן זאלן נישט זיין אזויפיל דזשאדזשמענטל און נישט אזויפיל חושד זיין? אין הלכות דעות, איך ווייס, ס'איז געשטאנען ערגעץ, מ'זאל נישט אזויפיל חושד זיין מענטשן. ס'זעט אויס ווי מ'האט זייער גרינג חושד געווען מענטשן. און איך טראכט אז ס'איז דא דא עפעס מער. אויך די לשון אז בימי הסכנה שטייט אין לשונות אז ס'מיינט מער ווי סתם א סכנה פון די גוים. אפשר איז עפעס געווען מער, אפשר איז עפעס געווען אין א געוויסע צייט ווען אידן האבן מזלזל געווען אין די מצוה. ממילא האט מען געמאכט די גזירת מפני החשד.

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט. ס'איז דא נאך פלעצער וואס ס'שטייט מפני חשד, ניין? ס'איז נישט די איינציגסטע זאך.

**ר' יואל אשר:** יא, ס'איז דא ביי שבת אויפהענגען א האנטוך מפני חשד אדער מראית עין.

**הלכה יב – מצות נר חנוכה חביבה עד מאד**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"מצות נר חנוכה..."**

**ר' יצחק:** דא קומט מען צו די ענד בערך.

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם האט זייער ליב צו ענדיגן א הלכה, ספעציעל א גאנצע ספר, מיט שיינע ווערטער, מיט דברי הגדה.

**ר' יצחק:** דא האט ער אויך די הלכה וואס האט צוטון מיט אים.

**חשיבות נר חנוכה**

**ר' יואל אשר:** הלכה אויך, יא. זאגט דער רמב"ם, **"מצות נר חנוכה מצוה חביבה היא עד מאד"**. זייער א באליבטע מצוה. חביבה ביי די אייבערשטער, ביי מענטשן, חשוב.

**ר' יצחק:** דער רמב"ם איז מסביר.

**ר' יואל אשר:** **"וצריך אדם להיזהר בה"**. א מענטש דארף זיך מזהר זיין מיט נר חנוכה. לכאורה דאס איז געווען פון א זהיר בנר, א רגיל בנר, פון די זאך. אפשר קען מען זאגן "צריך אדם להיזהר בה" מיינט מען זאל טון די מצוה מן המובחר וואס ער האט אנגעהויבן מיט. פארוואס? סתם אזוי, "להיזהר בה", מען זאל עס נישט פארגעסן, מען זאל נישט מזלזל זיין דערין. פארוואס? דאס דארף נישט מיינען אז ס'איז סתם עפעס א מנהג, מ'דארף זיין. **"כדי להודיע הנס"**. איז נישט אזוי וויכטיג? ניין, ס'איז זייער וויכטיג. **"כדי להודיע הנס"**, צו מודיע זיין און מפרסם זיין די נס. **ולהוסיף בשבח האל והודיה לו על הניסים שעשה.**

**ר' יצחק:** פארדעם איז עס אזוי חשוב, לכאורה.

**ר' יואל אשר:** ס'איז טייטש להודיע הנס, אנדערע מענטשן האבן שוין מודיע געווען, אבער להוסיף בשבח האל, יעדער מענטש עקסטערע צינדט, אדער יעדער הידור וואס מ'טוט, איז מוסיף בשבח האל.

**ר' יצחק:** וואס דא מיינט, פארשטייט מען בעסער.

**אפילו אין לו מה יאכל אלא מן הצדקה**

**ר' יואל אשר:** יא. **"והודיה לו על הניסים שעשה"**. ס'איז ענליך צו די כל המרבה לספר הרי זה משובח. אייביג ווען מ'איז משבח דעם אייבערשטן, איז מרבה זיין איז א מעלה. זאגט דער רמב"ם, **"אפילו אין לו מה יאכל אלא מן הצדקה"**, אפילו א מענטש האט נישט וואס צו עסן און ער עקזיסט אויף צדקה, איז ס'איז נישטא קיין דין אז די קופת צדקה דארף אנטיילן חנוכה לעכט, אזוי ווי די ד' כוסות. אבער ס'איז א חיוב אויף דעם מענטש אליין, **"שואל"** זאל ער בארגן, **"או מוכר כסותו"** זאל ער פארקויפן עפעס. איך מיין אז מוכר כסותו, אונז האבן מיר אמאל אפשר זיך געשעטלט דערויף, ס'מיינט נישט אז ווען דאס איז זיין לעצטע העמד. איך מיין אז ער האט עפעס אוועקצוגעבן, אפילו דו ביסט אן ארימאן, האסט דאך עפעס. **"ולוקח שמן ונרות ומדליק"**.

איך גלייב נישט, ווייל דו זאגסט אז ס'איז נישט עכט דא קיין כללים אין דעם, אבער ס'דארף דאך זיין כללים.

**ר' יצחק:** א מענטש האט נישט אוועקגעגעבן זיין...

**דיסקוסיע: שואל – בארגן אדער בעטן?**

**ר' יואל אשר:** לעצטע ביסן פון מויל פאר א הידור מצוה. שואל קען אויך נישט דוקא מיינען בארגן, אפשר קען שואל מיינען בעטן א טובה, בעטן פון איינעם וואס מ'וועט געבן א נדבה. יא? נאכאמאל? שואל. שואל מיינט בארגן, אדער שואל קען מיינען בעטן א טובה?

**ר' יצחק:** ס'מיינט אז מיר האבן גערעדט וועגן די זעלבע חקירה אין אן אנדערע פלאץ וואס איז געשטאנען שואל. איך ווייס נישט.

**ר' יואל אשר:** ניין, ווייל וואס איך מיין צו זאגן איז... דער רמב"ם האט עפעס גערעדט וועגן עשה שבתך חול, איז א לשון הטור, אז א מענטש מוז נישט בארגן צו...

**ר' יצחק:** האבן אפשר סעודה שבת.

**ר' יואל אשר:** אויף קידוש יא.

**ר' יצחק:** אויף קידוש יא.

**ר' יואל אשר:** איז זיכער אז צדיקים האבן געזאגט שואל זאל בעטן דעם אייבערשטן, ער זאל זיך אויסוויינען אויף דעם אייבערשטן.

**ר' יצחק:** ער זאל טאקע בעטן דעם אייבערשטן, וואס איז שבת א מצות תפלה?

**סדר עדיפויות: נר חנוכה vs. קידוש היום**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **"הרי שאין לו אלא פרוטה אחת"**. וואס טוט זיך אז א מענטש האט נאר איין פרוטה, און ער דארף יעצט מאכן פריאריטיס? **ולפניו קידוש שבת והדלקת נר חנוכה**. זעסט, אזוי ווי מיר האבן גערעדט אז ביי קידוש איז אויך דא. איך מיין די אלע זאכן האט צוטון מיט דעם, ווייל ס'איז געווען א סיסטעם אז די ווערי בעיסיקס האט די קופה של צדקה צוגעשטעלט. אין לך איש שאין בו קופה של צדקה, וואס דער רמב"ם האט געזאגט. קופה של צדקה שטעלט אבער נאר צו שתי סעודות וכדומה. אבער ס'איז דא די עקסטרעס וואס די קופה של צדקה שטעלט נישט צו. קידוש? ניין, אויף כוס של ד' כוסות שטייט מוז קופה של צדקה צושטעלן. אויף קידוש מוז די קופה של צדקה צושטעלן?

**ר' יצחק:** ס'מוז זיין, ווייל אויב ער דארף פארקויפן זיין קליידער, העלאו, קען דאך נישט זיין.

**ר' יואל אשר:** ער האט נאר איין פרוטה, ולפניו קידוש שבת והדלקת נר חנוכה. אויסער אויב, דאס איז די ווארט. די קופה של צדקה דארף נישט צושטעלן קיין נר חנוכה, אבער קליידער דארפן זיי יא צושטעלן. לאמיר נעמען אן עצה, הער אויף וואס איך זאג. די קופה של צדקה דארף צושטעלן די בעיסיקס אז א מענטש זאל קענען עקזיסטירן. נר חנוכה דארפן זיי נישט צושטעלן. סאו פארקויף דיין קלייד, און קופה של צדקה וועט דיך זען אן א קלייד, וועלן זיי דיך קויפן א קלייד. א קלייד דארפן זיי דיך יא געבן.

**ר' יצחק:** אבער לאמיר זיין ריעל, דא, הלכות קופה של צדקה לערנען אין אלע פון די פלעצער, ס'איז זיכער אז זיי זאלן געבן פאר אלע אידן ברווח, חנוכה לעכט, קליידער, און קידוש, און אלעס.

**נר חנוכה קודם לקידוש – ביאור**

**ר' יואל אשר:** דאס איז די שאלה פון די פריאריטי. וואס איז חשוב'ער, קידוש אדער הדלקת נר חנוכה? זאגט דער רמב"ם, **מקדים שמן להדליק נר חנוכה על היין לקידוש היום**, איז שמן פון די נר חנוכה חשוב'ער ווי די וויין פאר קידוש היום. פארוואס? **הואיל ושניהם מדברי סופרים**. היות ביידע זענען א מצוה מדברי סופרים.

**ר' יצחק:** דאס הייסט קידוש איז מדאורייתא...

**ר' יואל אשר:** אבער קידוש על יין, אה, זייער גוט, דאס האב איך גלייך געטראכט, ס'איז דאך דא א וועג פון... אקעי, קידוש על היין קען זיך מאכן על הפת. נאר די הידור מצוה פון מאכן אויף יין דוקא איז דאך נאר מדברי סופרים. **מוטב להקדים נר חנוכה שיש בו זכרון הנס**. נר חנוכה האט דאך א זכרון הנס, דו דערמאנט דאך די נס, איז עס וויכטיגער, איז עס חשוב'ער. ס'טייטש, די זכרון הנס וואס מ'טוט ביי קידוש קענסטו דאך יא טון אויף די ברויט, די זכר ליציאת מצרים, וואטעוועור ס'איז דאך יא. אויף די ברויט, נאר די הידור פון טון א וויין... ס'איז מיר אביסל אינטערעסאנט, ווייל מ'האט מיר געלערנט אז אויב די פת איז חביב עליו, האט דער רמב"ם געזאגט אז מ'מאכט אויף פת. ווען ער האט נישט, איז דאך זיכער פת חביב עליו. דאס וואס מ'האט איז מער חביב ווי דאס וואס מ'האט נישט.

**ר' יצחק:** אבער ס'איז אינטערעסאנט אז קידוש איז אויך מפרסם מעשה בראשית וכדומה. אבער אפשר טאקע דאס איז...

**ר' יואל אשר:** נישט די יין איז מפרסם, ווייל ווען מ'מאכט נישט די ברויט זעט מען נישט קלאר אז ס'איז דא עפעס אן עקסטערע מעשה פון קידוש. ער געט אייך זאגן א ברכה.

**ר' יצחק:** ניין, פארקערט, איך זאג פארקערט, אז הדלקת נר חנוכה איז קודם ווייל שיש בו זכרון הנס. אמת.

**ר' יואל אשר:** איך זאג, דער קידוש האט אויך א זכר ליציאת מצרים, אבער דאס קען מען טון אויף די פת. אבער ס'קען זיין אז דאס וואס מען טוט אויף די פת איז נישט קיין פרסום פון זכר ליציאת מצרים, ווייל מען זעט נישט אזוי אין סוף קידוש. אמת.

**סדר עדיפויות: נר ביתו קודם**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, אינטערעסאנט, דא קומט אריין פריאריטיס ביי חנוכה. **"היה לפניו נר ביתו ונר חנוכה"** –

**ר' יצחק:** איך מיין אז דאס איז אלץ א המשך פון די "חביבה עד מאד". וויאזוי זעט מען אז ס'איז חביבה? ווייל מ'זעט אז ס'איז מער חביבה ווי קידוש.

**ר' יואל אשר:** אבער ווייל מ'האט געזאגט יעצט אז ס'איז מער חביבה ווי קידוש, וועסטו מיינען אז ס'איז די וויכטיגסטע זאך. ס'איז דא זאכן וואס איז וויכטיגער. **"היה לפניו נר ביתו"** – ער דארף אנצינדן די עלעקטריק אין זיין שטוב, ער דארף צאלן די עלעקטריק ביל – **"או נר חנוכה"**. אדער אן אנדערע אפשן, **"נר ביתו וקידוש היום"**. דאס זאגט ער שוין אגב, ווייל ער האט שוין געמאנט חנוכה ווערסעס קידוש. דא האט ער א שאלה פון נרות צו באלייכטן די הויז, אדער קידוש היום. איז **"נר ביתו קודם משום שלום ביתו"**, אין זיין בית זאל זיין שלום, ס'זאל זיין ליכטיג אין שטוב. **"שהרי השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו"**. מ'זעט דאך אז ביי מצות סוטה אז מ'מעג אויסמעקן די שם ה' צו מאכן שלום בין איש לאשתו, און אין א הויז וואו ס'איז טונקל גייט עס ברענגען עצבות, ס'גייט ברענגען א צעבראכנקייט.

**ר' יצחק:** ס'איז נישט קיין שלום. איך מיין אז זיין ווייב גייט שרייען אויף אים, "דו חכם, דו האסט אוועקגעגעבן די לעכט פאר אונזער שטוב ווייל דו דארפסט א חנוכה לעכט? שטיק דיך מיט די חנוכה לעכט!" קומט די תורה

און זאגט, "ווייסט וואס? טאקע, פארקויף די חנוכה לעכט און קויף לעכט פאר'ן שטוב."

**דיסקוסיע: פארוואס נישט מניחו על שולחנו?**

**ר' יואל אשר:** אבער ס'איז מיר אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל ער קען דאך טון א פשוט'ע זאך, ער קען אפמאכן אז דאס איז אן ענין פון א שעת הסכנה, "מניחו על שולחנו". האט ער די נר חנוכה על שלחנו, און ס'איז די שלום בית.

**ר' יצחק:** "You keep on having discussions" וואס אונז האבן שוין די פערטע מאל, די דריטע זאלן זען. ס'זעט אויס אז ס'גייט נישט אזוי. מ'קען נישט דערקלערן שעת הסכנה. שעת הסכנה איז א "real thing".

**ר' יואל אשר:** די סכנה איז א ווייב.

**ר' יצחק:** יא? זייער גוט. ס'איז א ווייב.

**הלכה יב (המשך) — נר ביתו קודם לנר חנוכה**

**ר' יצחק:** שטיק דיך מיט דיין חנוכה לעכט! קומט די תורה און זאגט, ווייסט וואס טאקע? פארקויף די חנוכה לעכט און קויף לעכט פאר א שטוב.

**דיון: פארוואס קען מען נישט מאכן שעת הסכנה און מניחו על שולחנו?**

**ר' יואל אשר:** דאס איז מיר אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל ער קען דאך טון א פשוט'ע זאך. ער קען דאך אפמאכן אז דאס איז אן ענין פון א שעת הסכנה, מניחו על שולחנו. האט ער די נר חנוכה על שולחנו, איז עס די שלום בית.

**ר' יצחק:** אבער ס'זעט אויס אז ס'גייט נישט אזוי, מ'קען נישט דערקלערן שעת הסכנה. שעת הסכנה איז אן אמת'ע זאך.

**ר' יואל אשר:** סכנה איז א ווייב.

**ר' יצחק:** יא? זייער גוט. צווייטנס,

**ר' יואל אשר:** איינמאל האב איך אפגעלערנט אז שעת הסכנה מיינט נישט ממש סכנה, נאר ס'איז א מין שטארקע שעת הדחק.

**ר' יצחק:** ס'זעט נישט אויס אזוי, ס'זעט נישט אויס פון די אלע זאכן. צווייטנס, ס'זאל נישט העלפן, אסור להשתמש לאורו.

**ר' יואל אשר:** אבער דו טארסט נישט. אה, גערעכט.

**ר' יצחק:** גערעכט. וויאזוי פראקטיש שטערט עס דיר? איך ווייס נישט, אבער ס'קומט גארנישט.

**חידוש: חנוכה איז קידוש השם — השם נמחק לעשות שלום**

**ר' יצחק:** איך האב געטראכט יעצט א חידוש. וואס הייסט "השם נמחק"? מיר האבן גראדע געלערנט, חנוכה איז א קידוש השם.

**ר' יואל אשר:** אה, זייער גוט.

**ר' יצחק:** און דער אייבערשטער איז מוותר אויף זיין כבוד לעשות שלום. דאס איז דער סוד. און מיר האבן גערעדט וועגן דעם. דער עולם, אין רש"י מיין איך, אין די גמרא שטייט אז "נר ביתו" מיינט די נר פון שבת, אבער דער רמב"ם שטייט נישט אז ער רעדט פון שבת. ווי מיר האבן געזען אין די ריטב"א און אנדערע מפרשים, אז ס'קען מיינען א גאנצע וואך אויכעט, אזוי ווי דו האסט געזאגט די עלעקטריק ביל.

און פון דעם קען מען זיך לערנען נאך אנדערע זאכן. טאמער איינער האט א שאלה צו ער זאל עפעס צושטעלן אין שטוב אדער קויפן א שיינע אתרוג, דארף ער וויסן אז השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו. דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלע אידן זאלן האבן געגונג.

**דיון: פארוואס נישט דוחה זיין בלויז דעם איסור להשתמש לאורו?**

**ר' יואל אשר:** איך טראכט עפעס אנדערש. פארוואס זאל מען נישט זאגן אז די איסור להשתמש לאורו זאל נדחה ווערן? ס'איז דאך דא א פראבלעם, יא? אקעי, דער רמב"ם וויל דאך דא זאגן די...

**ר' יצחק:** אונז רעדן נישט מיט די אלע...

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם וויל דאך נישט דא געבן די עיקר טעם, פארשטיי. אבער איך זאג, אבער פראקטיש, אנשטאט זאלסט מבטל זיין מצות נר חנוכה, זאלסטו נאר מבטל זיין די קליינע סעיף פון מצות חנוכה פון אסור להשתמש לאורו.

אבער ס'קען זיין אז די מצות נר חנוכה אליין איז דאס אז ס'איז אן עקסטערע לעכט. איינמאל ס'איז א לעכט וואס דו נוצסט פאר שלום בית, איז עס נישט קיין נר חנוכה בכלל.

**ר' יצחק:** אבער טעכניקלי, די ריעל טינג, דא רעדט מען נישט פון צינדן אינדערהיים, דא רעדט מען פון צינדן... אדרבה, אפשר ביסטו גערעכט. אויב מ'צינדט שוין אינדערהיים, אפשר קען מען טרעפן איינע פון די עצות. איך ווייס נישט. די אלע הלכות זענען וועגן מ'צינדט אינדרויסן, און מ'קען נישט מאכן ביידע.

**ר' יואל אשר:** אבער איך זאג, איינמאל דו נוצסט עס פאר שלום בית, אפשר וועט עס נישט הייסן קיין נר חנוכה. ווייל ס'וועט נישט נאר זיין א פגם אין די אסור להשתמש לאורה, נאר ס'וועט נישט הייסן קיין נר מיוחד לחנוכה. אויך דאס קען זיין.

**דער רמב"ם'ס סיום — גדול השלום**

**ר' יואל אשר:** קומט אויס דער רמב"ם,

**ר' יצחק:** דער רמב"ם ענדיגט אזוי:

**ר' יואל אשר:** דער עיקר, נר ביתו קומט פאר נר חנוכה. זאגט דער רמב"ם, איך האב דאך געזאגט אז נר חנוכה איז א מצוה חביבה, אבער ס'איז דא א מצוה וואס איז נאך מער חביב, גדול השלום. שלום איז זייער גרויס. **שכל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם.** די גאנצע תורה איז געגעבן געווארן צו מאכן שלום בעולם.

**ר' יצחק:** אזוי ווי ס'שטייט,

**ר' יואל אשר:** **שנאמר דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום.** די תורה איז געגעבן געווארן אז ס'זאל זיין נועם און ס'זאל זיין שלום אויף דער וועלט.

**ר' יצחק:** און נאכדעם ווייסט מען אז מ'רופט נישט פאר די ד' מינים די

**ר' יואל אשר:** מין וואס איז שטעלט,

**ר' יצחק:** און דאס איז די קאנעקשאן. און זעט מען אז די גאנצע תורה איז פאר שלום. ממילא, אויב דאס איז די מטרה, דארף עס דוחה זיין די אנדערע זאכן. דאס איז אפשר די קאנעקשאן.

**שלום בעולם — מעלת המדות (רמב"ם'ס שמונה פרקים)**

**ר' יצחק:** און שלום בעולם מיינט נישט סתם מ'זאל זיך נישט שלאגן, ס'מיינט, אזוי ווי דער רמב"ם האט געזאגט אין שמונה פרקים, שלום מיינט מעלת המדות. אלע ענינים פון ישוב עולם, פון מענטשן זאלן האבן גוטע מדות, זאלן זיך איינער צו געבן איינער מיטן צווייטן. דאס איז די מטרה פון די תורה הגם.

אוודאי, די תורה האט נאך א מטרה, וואס הייסט אמת? וואס הייסט מעלה שכלית? אבער קודם, אויף עולם הזה, בעולם. דאס הייסט, שלום איז בעולם. ס'איז דא בעולם הבא, איז נאך א לעוועל.

**ר' יואל אשר:** אבער שלום בעולם... ביי די ספעציפיקע מעשה וואס אונז האבן געהאלטן, איז די שלום איז נאך אסאך א גרעסערע שלום, ווייל ס'איז אויך א דרגה אין מדות. אז מיין ווייב זאל זיך באקוועם, איז דאך נישט וויניגער וויכטיג ווי מיין מצוה. דאס איז שלום פון וואס דער רמב"ם רעדט.

**דיגרעסיע: פאראלעל צו הלכות תפלה — ברכת ולמלשינים**

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם האט אויך געזאגט ביי די מצוה פון ולמלשינים אז דאס איז די וויכטיגסטע מצוה. וואס האט ער געזאגט? ווייל אויב איז נישטא קיין... וואס איז געווען זיין לשון? אויב איז נישטא קיין שלום...

**ר' יצחק:** ער האט נישט געזאגט די ווארט שלום, ער האט געזאגט אז ס'איז גדולים מכל צורכי בני אדם, ווייל דו רעדסט פון הלכות תפלה. פרק, ווער געדענקט? פרק? וואס טוט דיר דאכטן וועגן דעם?

**ר' יואל אשר:** איך ווייס נישט וואס ס'קומט אריין, אבער איך געדענק אז ס'איז דארטן אזוי אזוי אזוי שלום, און כאילו מ'וועט פטור ווערן פון די רשעים.

**ר' יצחק:** בימי נגעלי אמינים, שרי גדולים מכל צו זאכן מיר נעמען דריי, ער זאגט נישט. ניין. ס'איז דא אנדערע פלעצער וואס ער זאגט אז...

**ר' יואל אשר:** די לעצטע ברכה פון שמונה עשרה איז שים שלום, יא.

**ר' יצחק:** אקעי, מ'זאל וויסן וואס ס'מיינט.

**סיום ספר זמנים**

**ר' יואל אשר:** אבער יא. געוואלדיג! מיר האבן געענדיגט הדרן עלך ספר זמנים.

**ר' יצחק:** און יעדער איינער איז איינגעלאדנט צו די סיום.

**ר' יואל אשר:** ששו ושמחו בשמחת התורה. יא, געוואלדיג. ברוך השם, מיר האבן געענדיגט ספר זמנים, מיר האבן געענדיגט די דריטע ספר, האבן מיר שוין חזקה, מדע, אהבה, זמנים. און מיר גייען יעצט שוין ווייטער צו נשים. און דאס קאנעקט זמנים צו נשים, יא, מיר ענדיגן דאך מיט שלום בית, בין איש לאשתו.

**ר' יצחק:** אה, זייער גוט.

**ר' יואל אשר:** דאס איז די הדרן.

**ר' יצחק:** מיר האבן געענדיגט, מיר האבן געענדיגט.

**ר' יואל אשר:** מיר האבן געענדיגט.

---

Generated by Shiur Upload Automation